# דער יוד

# (DER JUDE)

צייטשריפט

פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פערלאג: חברה „אחיאסף".

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב יאָהרליך —.3 רוביל:
פיערטעל יאָהרליך 1.50 רו"כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען.
האַלביאָהריג —.6 "
פירטעליאָהריג —.3 "
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 "
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

קראקויא, אייר תר"ס. | נומר 20. | Krakau. 17 Mai 1900.


| ה. תר"ס ← וואכען־קאלענדער (לוח) → 1900 | | | | |
|---|---|---|---|---|
| די טעג פון חודש | וואָך | אייר (מאַי) מאַי־מאַי | נייער ס. מאי | אלט. ס. מאַי |
| כא | זונטאג | | 20 | 7 |
| כב | מאנטאג | | 21 | 8 |
| כג | דינסטאג | | 22 | 9 |
| כד | מיטוואך | | 23 | 10 |
| כה | דאנערס. | | 24 | 11 |
| כו | פרייטאג | | 25 | 12 |
| כז | שבת | פ׳ בחקותי. מבה"ח. | 26 | 13 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע. |
|---|---|---|
| כא | ג.הת"ל | האָט טיטוס איינגענומען די נייע פאָרשטאַדט פון ירושלים. |
| „ | ה.תר"נ | האָט מען אָנגעהויבען בויען הייזער אין דער קאָלאָניע „יסוד המעלה". |
| כג | ג.תרי"ט | האָט שמעון השמונאי איינגענומען די פעסטונג „אַקראַ". |
| „ | ד.תתנ"ו | האָבען די ערשטע קרייצפאָהרער אין וואָרמס געהרג'ט פיעל יודען. |
| כד | ה.ת"ס | געשטאָרבען אין קראקא הגי׳ ר׳ יהושע העשיל פון ווילנא. |
| כה | ה.רכ"ד | זענען געוועזען גרויסע הריגות פון יודען אין פוילען, וועלכע האָבען געדויערט זעקס וואָכען. |
| כו | ה.תק"ז | געשטאָרבען דער משורר און מקובל ר׳ משה חיים לוצאטו. |
| „ | ה. תר"ט | געשטאָרבען הגאון ר׳ יצחק בהגאון ר׳ חיים ראש-ישיבה אין וואלאזין. |

## אינהאלט:


א) די חדרים. I. — י. ל.
ב) וואָס איז ציוניזם? — י. א. לובעצקי.
ג) פאָליטישע איבערזיכט. — י. ל.
ד) דער השבון פון דער יודישער קאָלאָניאַלבאַנק.
ה) בריעף פון ווארשא. ג. — ישראל שווערגעמוט.
ו) יודישע שטעדט און שטעדטליך. — אמת.
ז) מען שרייבט אונז.
ח) קאָלאָניזאַציאָן פון רומענישע יודען. — א. זוסמאַן.
ט) די יודישע וועלט.
י) אַלגעמיינע וועלט נייעס.
יא) נאַכט-געדאַנקען. געדיכט. — י. י. פראָפּוס.
יב) אַבלעטיל פון מיינע קינדהייט-זכרונות. ערצעהלונג. — א. מיידאניק.
יג) די פאַמיליען-פאַפיערען. ערצעהלונג. — א. ש. פריעדבערג.
יד) אין חלום. פעלעטאָן. — ש. פרוג.



## צו אַבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE", Krakau, Gertrudy 19.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf", Warschau, Postkiste Nr 25, mündlich: Twarda 6, Thür II.

אין ווין:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodż, Cegielnianastr. 36.

„דער יוד" איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאָסט אונטער דער נומער:
1920 a Nachtrag VII.

II. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 20.

דאַבאָנאַמענטס פּרייז יאָהרליך:

| | |
|---|---|
| דער פּרייז פֿיר רוססלאַנד: | |
| גאַנץ-יאָהרליך | —.5 רוביל. |
| האַלב-יאָהרליך | —.3 רוביל. |
| פֿירטעל-יאָהרליך | 1.50 רוביל. |
| מען קען אויך אויסצאָהלען אין 3 ראַטען: | |
| ביים אַבאָנירען | — 2 רוביל |
| דען 1טען אַפּריל | — 2 „ |
| דען 1טען אויגוסט | — 1 „ |

ענדערען די אַדרעססע קאָסט 20 קאָפּ.

# דער יוד

צייטשריפֿט

## פֿיר אַלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פֿערלאַג: חברת „אחיאסף“.

אַבאָנאַמענטס פּרייז יאָהרליך:

| | |
|---|---|
| אָסטרייך-אונגאַרן | —.12 קראָנען. |
| האַלביאָהריג | —.6 „ |
| פֿירטעליאָהריג | —.3 „ |
| דייטשלאַנד | —.10 מאַרק. |
| ארץ ישראל | —.12 פֿראַנק. |
| אַנדערע לענדער | —.15 „ |
| אַמעריקא, ענגלאַנד | —.10 שילינג. |

פּרייז פֿון מודעות (אַנצייגען):
פֿיר יעדע קליינע שורה פּעטיט 20 העלער, 25 פֿפֿעניג, 10 קאָפּ.

Erscheint Donnerstag.

קראָקאָויאַ, אייר תר״ס. נומער 20. Krakau, 17 Mai, 1900.

# די חדרים.

## I.

די ערציהונג דאַרף אייגענטליך ביי יודען זיין איינע פֿון די וויכטיגסטע לעבענספֿראַגען, ביי אונז דאַרפֿען די ערציהונגספֿראַגען פֿערנעהמען אַ סך אַ גרעסערען אָרט ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון דער וועלט. אין לעבען שטעהען פֿאַר אונז די וועגען ניט אָפֿען, זיי זענען ניט אויסגעשאָטען מיט בלומען; יעדער איינצעלנער פֿון אונז האָט דורכצומאַכען אַ צו שווערע מלחמה, אויף יעדען טריט וואָס מיר טהוען דאַרפֿען מיר פֿערווענדען אַ סך מעהר כחות ווי אַנדערע, דערפֿאַר מוזען מיר זאָרגען מעהר פֿאַר אַנדערע ווי בעסער צוצוגרייטען אונזערע קינדער צו דעם שווערען און האַרטען לעבען, וועלכע שטעהט זיי פֿאַר. אונזער ערציהונג דאַרף זיך, סטאַרען וואָס מעהר צו שטאַרקען דעם גוף פֿון אונזערע קינדער, צו ערצויגען אין זיי אַ קרעפֿטיגען ווילען און צו בערייכערן זייערע קענטניסע, כדי דורך די אַלע מיטלען זאָלען אונזערע קינדער זיך גרינגער קענען אויסזוכען בעסערע און קירצערע וועגען און גרינגער זיך קענען דורכשלאָגען דורך די שלאַגבוימען, וועלכע שטעהען פֿאַר זיי אויף יעדען טריט. די ערציהונגספֿראַגען דאַרפֿען פֿאַר אונז וויכטיג זיין נאָך אין איין פונקט: אונזער פֿאָלק איז ניט צוזאַמענגעבונדען דורך א מלוכה, עס האָט ניט די נאַטירליכע רייפֿען, וועלכע וואָלטען קרעפֿטיג איהם אומנעהמען אין גאַנצען. די פֿערבינדונג און אנהאַנג צווישען אַלע זיינע טהיילען קען דערפֿאַר זיין נור איין גייסטיגער, נור פֿון רוהניות. אונזער פֿאָלק וואָלט ניט געקאָנט עקזיסטירען, ווען די גייסטיגע אוצרות וואָלטען ביי איהם ווי ביי אַנדערע פֿעלקער נור צוטהיילט געווען צווישען די העכערע קלאַסען. ביי אַנדערע פֿעלקער געפֿינט דאס נאציאנאַלע געפֿיהל גענוג שפּייז פֿאַר זיך אויך אָהן די ליטעראַטור, וויסענשאַפֿטען און פֿילאָזאָפֿיע, ביי אַנדערע פֿעלקער וועלכע זענען צוזאַמענגעוואַקסען מיט זייער ערד, ווערט דאס געפֿיהל גענוג שטאַרק ערהאַלטען דורך דאס שטענדיגע לעבען צוזאַמען אין איין מלוכה אונטער איין רעגירונג, דורך די נאציאנאלע מלחמות און דורך דעם נאציאנאַלען כבוד. ביי אונז אָבער וואו עס פֿעהלט אין גאַנצען יעדעס פּאָליטישע באַנד בריינגט יעדע אבשוואַכונג פֿון דעם גייסט אין וואָס עס איז פֿאַר אַ טהייל די גרעסטע סכנה מיט זיך. די טהיילען וועלכע רייסען זיך אב פֿון אונזער גייסטיגען לעבען ווערען דורך דעם אַליין שוין אבגעריסען פֿון אונזער פֿאָלק; פֿערלירענדיג די גייסטיגע אוצרות הויכען זיי דערמיט אויס די נשמה וואָס גיט זיי א נאציאנאַלעס לעבען און פֿערלירען אַלע פֿעדעם וואָס קניפּען זיי אַלע צוזאַמען אין איינעם. איינע פֿון די וויכטיגסטע סבות, וואָס האָט געהאָלפֿען אונזער פֿאָלק אויסשטעהן דעם לאַנגען גלות און ניט אונטערגעהן, בעת אַנדערע פֿעלקער זענען אויסגעשטאָרבען צוזאַמען מיט זייערע מלוכות, איז געוויס געוועזען די, וואָס די גייסטיגע אוצרות פֿון אונזער פֿאָלק זענען תמיד געוועזען פֿון אַנדערגעשפּרייט צווישען אַלעמען, דאס זיי זענען געוואָרען דאס אייגענטהום פֿון גאַנצען פֿאָלק. די תורה מיט איהרע חקים, מיט די בילדער פֿון דעם אמאליגען לעבען, איהרע פרושים, די גמרא און די מדרשים מיט זייער פלפול און פאעזיע — דאָס איז אַלעמאָל געוועזען דער מיטעלפונקט פֿון אינטערעס ביי יעדען יודען. דאס לעבען פֿון גאַנצען פֿאָלק מיט דיזעלבע פֿראַגען און מיט דיזעלבע גייסטיגע אינטערעסען — דאס האט אויפֿגעהאַלטען דאס יודענטהום אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטען, דאס האָט צוזאַמענגעבונדען די יודען מיט זייער פֿערגאַנגענהייט און אַלץ געגעבען נייע שפּייז צו שטאַרקען דאס געפֿיהל פֿון אחדות, וועלכעס איז געווען שטאַרקער פֿאַר די פֿערשידענהייטען פֿון קלימאַטען און די לעבענספֿערשידענהייטען פֿון אַלע לענדער. די אַלגעמיינע פֿערברייטונג פֿון די יודישע גייסטיגע אוצרות איז אָבער נור געווען מעגליך דורך די פֿאָלקסערציהונג. אָהן צוואַנג, אָהן געזעצען און אָהן אַ רעגירונג האָבען מיר לייכטער פֿאַר אַלע פֿעלקער דורכגעפֿיהרט די אַלגעמיינע בילדונג און דאָס אומזיסטיגע לערנען פֿון אָרימע. אונזערע חדרים, וועלכע מיר פֿערוואַרפֿען איצט אזוי אָפּט מיט בלאָטע, האָבען איין גרויסעס פֿערדינסט אין אונזער געשיכטע: זיי האָבען געגעבען אונזער פֿאָלק די קראַפֿט צו לעבען, זיי האָבען אַריינגעטראָגען דאס יודישע גייסטיגע לעבען אין יעדעס הויז, אין די געיאַגטע און דערשלאָגענע איינצעלנע יודען געקרעפֿטיגט און ערהאַלטען דאס נאציאנאַלע געפֿיהל.

די חדרים האָבען גוט אויסגעפֿילט זייער ראָליע, דאָס לעבען האָט אויסגעאַרבעט געוויסע פֿאָדערונגען צו דעם ווי מען זאָל ערציהען, ווי מען זאָל לערנען און וואָס מען זאָל לערנען. די חדרים זענען געוועזען גוט צוגעפּאַסט צו יענע צייטען, ווען די יודען האָבען געפֿיהרט איין אבגעזונדערטעס לעבען. עס איז אָבער געקומען איין אַנדער צייט, וועלכע האָט אַרויסגעשטעלט נייע אויפֿגאַבען מיט נייע פֿאָדערונגען. דאס לעבען איז געוואָרען אַ סך שווערער און פֿערפּלאָנטעטער, עס זענען ענטשטאַנען אַרום פֿיעל נייע אינטערעסען, וועלכע האָבען אויך דעם יודען צוגעצויגען צו זיך, און צו דעם נייעם לעבען אָבער איז איצט דער יוד ווענינגער צוגעפּאַסט ווי צו זיין פֿריהערדיגען לעבען. דאס לעבען פֿאָדערט איצט פֿון דעם יודען אַ בעסערע פֿאָרבערייטונג ווי פֿריהער, ער מוז האָבען מעהר קענטניסע, ער מוז קענען די שפּראַך און דאָס לעבען אַרום איהם, ער קען מעהר ניט לעבען אַזוי אָבגעזונדערט ווי פֿריהער. אויך די חובות צום פֿאָלק זענען פֿאַר דעם יודען אַנדערע געוואָרען. דער יוד לעבט אויך גייסטיג ניט מעהר אין אַ בעזונדער וועלט, וועלכע איז נור געווען איין אָבקלאַנג פֿון איין אַלט פֿערקלונגענער וועלט; די גייסטיגע אינטערעסען פֿון אַנדערע פֿעלקער האָבען פֿאַר די יודען געעפֿענט אַ נייעס

שוין ניט העלפֿען די גרעסטע און בעסטע שטיצע וואָס די ציוניסטען וועלען איהר געבען. די אמונה מעג זיין ווי שטאַרק ביי די יהידים, אַלס נאַציאָנאַלבאַנד אָבער האָט זי איהר קראַפֿט פֿערלאָרען, זי איז ניט מעהר די פֿאָרם, אין וועלכע עס גיסט זיך אויס דאָס גאַנצע לעבען פֿון פֿאָלק. אונזער לעבען איז דורך דעם איינפֿלוס פֿון אַנדערע פֿעלקער אין פֿיעל פְּרָטִים טיעף פֿערענדערט געוואָרען און דורך דעם צופֿאַלט דאָס באַנד, וואָס האָט אַלעמען פֿעראייניגט. דער ציוניזם האָט ניט אין זיך די קראַפֿט און פֿעהיגקייט צו שאַפֿען פֿאַר דער אמונה דעם אָרט, וועלכען זי האָט אַ מאָל פֿערנומען, ווייל דאָס גאַנצע איצטיגע לעבען פֿון אַלע טהיילען פֿון פֿאָלק קען ניט ווייטער צוזאַמענגעבונדען ווערען דורך דער אמונה. אַלס יהידישע, פּריוואַט זאַך איז די אמונה שטאַרק גענוג און זי האָט אויך אַ גרויסע צוקונפֿט, נאָר זי איז ניט מעהר אַזאַ נאַציאָנאַלעס באַנד וואָס זאָל בינדען און פֿעראייניגען אַלע נאַציאָנאַלע קרעפֿטען, זי איז ניט מעהר דער נאַציאָנאַלער מיטעלפּונקט, וועלכער האָט אין זיך דעם גאַנצען אויסדרוק פֿון דער יודישער נשמה, דערפֿאַר האָט דאָס געזונדע נאַציאָנאַלע געפֿיהל אַרויסגערופֿען דאָס בעדערפֿעניש אין אַ נייעם נאַציאָנאַלען באַנד, וואָס זאָל ליגען טיעף אין האַרצען פֿון יעדען יודען, ווען עס איז נור טהייער דאָס יודישע פֿאָלק און זיין צוקונפֿט. דאָס געזונדע געפֿיהל האָט אַרויסגערופֿען דעם ציוניזם וואָס סטאַרעט זיך די ראָליע צו געווינען, וועלכע די אמונה האָט פֿערלאָרען, און זעלבסטשטענדיג צו ערפֿילען די אַלע זאַכען וואָס די אמונה האָט אונז געגעבען. ווי אַזוי און אויף וועלכען אופן? דערצו קען די אמונה מיט איהר גלענצענדער פֿערגאַנגענהייט איהם דיענען אַלס ביישפּיעל. דער איצטיגער ציוניזם זאָל פֿאַר אונז היינטיגע יודען ווערען דאָס וואָס די אמונה איז געוועזען פֿאַר די פֿאַרצייטיגע יודען. דער רוב פֿון די אמונה־הבטחות זענען געוועזען וועגען יענער וועלט, וועגען גן עדן, עולם הבא. די וועלט ד. ה. אונזער זינדיגע וועלט האָט גאָר קיין ווערט געהאַט, מע האָט איהר בעטראַכט אַלס אַ דורכגאַנגסקאָרידאָר, אַלס אַ פּרוזדור, וואו מען דאַרף זיך פֿאָרבערייטען פֿאַר אַ בעסערע וועלט, אָבער ווי גרויס עס איז ניט געוועזען די פֿעראַכטונג צו דעם דורכגאַנגס פּרוזדור, צו אונזער זינדיגער וועלט, האָט דאָך די אמונה איהר גרעסטע זאָרג אָבגעלעגט פֿאַר דעם דורכגאַנגספּרוזדור. איין טריט האָבען מיר ניט געקענט מאַכען, די אמונה זאָל אונז ניט בעגלייטען מיט איהרע בליקען. אומעטום וואו מיר זענען געגאַנגען האָבען זיך נאָך אונז נאָכגעשלעפּט די פֿעדעם פֿון איהרע חֻקים און מִצְוֹת און וואו עס איז געוועזען נייטהיג

אונז אויך געבונדען. אויך דער ציוניזם קען און דאַרף ביי זיין אַרבייט וועגען אַ צוקינפֿטיגעס לעבען אויך זאָרגען פֿאַר דעם גלות לעבען, זאָרגען און בעשעפֿטיגען זיך מיט איהם. און פֿון דעם שטאַנדפּונקט קענען מיר ניט זיין צופֿרידען מיט דעם דריטען באַזעלער קאָנגרעס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אויסהערען ה׳ טריעטשס פּראָיעקט וועגען קפריסין ישוב. אויב ער האָט רעכט אָדער ניט, דאָס איז אַנ׳אַנדער פֿראַגע, וואָס יעדער פֿון אונז קען אויף דעם זיין אייגען מיינונג האָבען, אָבער אויסהערען האָט מען איהם געמוזט, דען דער קאָנגרעס אַלס ציוניסטישער אָרגאַן זאָל און מוז זיך בעשעפֿטיגען מיט אַלע פֿראַגען און אַנגעלעגענהייטען וואָס זענען נוגע דער יודישער לאַגע. אויך די אמונה, ווי שוין פֿריהער געזאָגט, האָט געהאַלטען פֿאַר איהר הויפּט־אויפֿגאַבע די ערנייכונג פֿון יענער וועלט, און דאָך האָבען די פֿאַרצייטיגע רבנים זיך ניט געשעמט צו זאָרגען פֿאַר די וועלט. נאָך מעהר, אום צו ערנייכען זייער אידעאַל „יענע וועלט", האָבען זיי זיך געפֿיהלט געצוואונגען צו זאָרגען פֿאַר „דער וועלט". און די פֿאַנאַטישע רבנים די אין גאַנצען איבערגעגעבענע צו זייער אידעאל, צו יענער וועלט, ווען זיי האָט געלונגען צו שטעלען זיך אין דער הויפּטבעוועגונג און דורך זייער מאַכט אָבריסען אויף אַ קליינעם מאָמענט די אמונה פֿון „דער וועלט", די רבנים האָבען נור געשטערט דאָס בליהען און וואַקסען פֿון דער אמונה. אויך דער ציוניזם וועלכער הויבט אָן צו פֿערטרעטען אין אונזער נאַציאָנאַל לעבען די אמונה, אויך ער זאָל און מוז האָבען זיינע אידעאַלען פֿון אַ צוקינפֿטיגען לעבען, אָבער אים נאָמען פֿון די אידעאַלען מוז ער זאָרגען פֿאַר דעם גלות־לעבען, פֿאַר היינט, פֿאַר יעצט, און דער ציוניסט וועלכער דורך זיינע פֿאַנאַטישע איבערגעגעבענהייט, זיינע „יענע וועלטען" וויל אָבריסען דעם ציוניזם פֿון „דער וועלט", דער ציוניסט ווייזט, דאָס ער האָט קיין השגה פֿון דער ציוניסטישער אורזאַכע און ציעל, און אַזאַ ציוניסט שטערט נור די געזונדע ציוניסטישע ענטוויקלונג און איהר אויפֿבליהונג.

דער ציוניזם איז געקומען צו פֿערטרעטען אין אונזער נאַציאָנאַלען לעבען די אמונה און דערפֿאַר מוז דער ציוניזם אַזוי ווי די אמונה אונז שאַפֿען גענוג פּלאַץ פֿאַר די ענטוויקלונג פֿון אַלע אונזערע קרעפֿטען; אַזוי ווי די אמונה מוז זיך אויך דער ציוניזם אויפֿהויבען צו דער גרעסטער מאָראַלישער קראַפֿט אין אונזער גלות־לעבען, וועלכע זאָל אין איהר האַנד האַלטען דעם גאַנצען גלות־לעבען; דער ציוניזם האָט אונז צו שאַפֿען אַ נייע יודישע וועלט, וואו עס זאָל זיין גענוג פּלאַץ פֿאַר „אונזערע שטרעבונגען און פֿער־

---

די לבנה שיינט אין הימעל
און ישראָליק זיצט ביים טויער....

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

* * *

קאַלט, נאַס און פֿינסטער איז די טיעפֿע, שוואַרצע נאַכט. גאַנץ הושענאווקע שלאָפֿט און חראָפּעט... דאָס ניזאָווע ווינדטיל בלאָזט אין די איינגע, שמוציגע, קרומע געסליך, — טהוט אַ קלאַפּ מיט אַ האַלב-אָבגעריסענעם לאַדען, פֿליהט-אריין אין אַ קוימען פֿון אַ קליין, אַלט שטיביל, דרעהט זיך אויס און פֿליהט ווייטער... פֿון אַ הינטער־געסיל גיסט זיך אַ שטילע, אומעדיגע שטימע:

„אוי, טאַטעניו-פֿאָטער! אַ שטיקעלע גליק,
אַ ביסעלע נחת צו זעהען!...
גענוג שוין אַ בעטלער צו זיין אויף דער וועלט,
גענוג אין די הייזער צו געהען!...

„גענוג שוין אין שכנות צו וואהנען; גענוג
צו ציטערען אויביג אין שרעק,
אַז אָט ווערט אין כעס דער הויז בעל-הבית
און מאַכט דיר פֿון אַלץ שוין אין עק,—

„טראַכט אויס אויף דיר טויזענדער בלוטיגע זינד
און מאַכט דעם פּסק דין שוין פֿאָראויס:
בערייסט און בענעמט דיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס
און יאָגט פֿון דער דירה אַרויס...

„גענוג שוין צו שטעהען פֿערהונגערט, פֿערשמאַכט
ביים גליקליכען מענש ביי דער טהיר
און וואַרטען דער זאַטער זאָל פֿיהלען דיין נויטה
און געבען אַ ביסען אויך דיר....

„גענוג שוין, רבונו של עולם, גענוג"
אין צרות, אין היץ און אין קעלט
אויף סדרה בלק פרושים ביז איצט
געלערענט מיט אונז אויף דער וועלט!"..

דאָס ליעדיל קלינגט, וויינט און צוגיסט זיך ווי אַ שטילער, ביטערער קלאָג אין דער קאַלטער, פֿינסטערער נאַכט... ערטערווייס, אין די קליינע, איינגע קרומע הייזליך חאַפּען זיך אויף פֿון שלאָף יודען, יונגע און אַלטע, הערען זיך צו צום ניזאָווער ווינד און צו דעם אומעדיגען ליעדיל... עס קלינגט עפּיס אַזוי טרויעריג און אַזוי ליעב, עס נעמט-אָן ביים האַרצען... נאָר די פֿערשלאָפֿענע אויגען מאַכען זיך ווידער צו, דער קאָפּ לאָזט זיך אַראָב אויפֿ׳ן קישען... ניטאָ׳ ניטאָ קיין כח בייצוקומען דעם אַלטען, טיעפֿען שלאָף...

איין מענש נור איז דאָ אין הושענאווקע, אויף וועלכען דאָס ליעדיל ווירקט און לאָזט איהם ניט שלאָפֿען... ווייסט איהר — ווער? — דער רב. איהר זעהט, ער זיצט ביים טיש אַ׳ן... און שרייבט אַ דאָנאָסיל!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

טס-ס-ס... שטיל, קינדער! שרעקט זיך ניט... אונזער בעריהמטער ד״ר ד ע מ ב אָ האָט זיעבען יאָהר געאַרבעט צו דערווייזען דער וועלט אַז אונזער שחיטה שטימט מיט צער-בעלי-חיים פֿיעל בעסער איידער ביי אַלע אַנדערע

לאַנגען", אַ נייע יודישע וועלט, וועלכע זאָל אונז אין גאַנצען בעשעפֿטיגען און מיט איהרע אינטערעסען איינשלינגען אונזערע אַלע קרעפֿטען, אַ נייע יודישע וועלט וואו מיר זאָלען קענען אויסרוהען און זיך אויסהיילען פֿון אונזערע פֿיעלע וואונדען, וועלכע מיר האָבען אין דער גויעשער גאַס בעקומען. אין קורצען, דער ציוניזם האָט יעצט צו שאַפֿען פֿאַר אונז קראַנקע יודען אַ נייע יודישע גאַס וועלכע וועט אבער שוין ניט זיין אזוי פֿערמויערט און ענג ווי אַמאָל. דער ציוניזם מוז שטאַרק אַריינגרייפֿען אין ד ע ר וועלט און מיט זיין שטאַרקער מאַכט און זיכערער האַנד אומאַנדערשען דאָס גאַנצע גלות־לעבען. מיר פֿיהלען שוין די קרעפֿטיגע טריט פֿון דעם ציוניזם: אין די חדרים, אין די ישיבות, אין די גאַסען, אין די הייזער, אין די בתי מדרשים, אין דער ליטעראַטור - - אומעטום איז שטאַרקעס לעבען, אומעטום דער אויפֿגעוועקטער נאַציאָנאַלגייסט, אומעטום דאָס אייגענע זעלבסטבעוואוסטזיין, פֿון אומעטום זאַמלען און פֿעראייניגען זיך די צעוואָרפֿענע קרעפֿטען און אַרבייטען פֿלייסיג און ריזענמעסיג מיט יענער שטומער מאַכט, וועלכע ווייס ניט און וויל ניט וויסען פֿון מניעות און שטערונגען. דורך זיין אַרבייט שאַפֿט דער ציוניזם איין נייע יודען נאַם מיט איהר ספעציעל יודישער לופֿט, וועלכע וועט ברייגנען אַ נייעס לעבען אי דעם געבילדעטען אי דעם המון עם, און ניט נור אין דער צוקונפֿט, נאָר אויך אין דעם ביטערען היינט.

וויען. — י. א. לובעצקי.

---

# פאליטישע איבערזיכט.

דאָס אינטערעס צו דער מלחמה האָט שוין אין ענגלאַנד אָנגעהויבען צו פֿאַלען, מען וואַרט שוין ניט מעהר מיט דער פֿריהערדיגער אונגעדולד אויף די דעפעשען פון אַפריקא. מען איז גאַנץ זיכער אז די מלחמה וועט באַלד נעהמען אַ סוף. ראָבערטס געהט זיך רוהיג אַליין ווייטער. ער איז זעהר אַ פֿאָרזיכטיגער מענש און געהט ניט פון אָרט, וואו עס איז ניט אויסגערעכענט אַז אויף 1 בויער זאָלען אויסקומען 10 ענגלענדער. מיט דעם גרויסען חיל און מיט זייערע האַרמאַטען, וועלכע שיסען ווייטער פֿאַר די בויערשע האַרמאַטען, האָבען די ענגלענדער ניט מעהר וואָס מורא צו האָבען און זיי קענען קאַלטבלוטיג אָבוואַרטען דעם סוף.

דאָס אינטערעס ווערט פון דער מלחמה אַריבערגעטראָגען צו אַנדערע וויכטיגע פֿראַגען און צווישען זיי פֿערנעמט איצט דעם וויכטיגסטען אָרט די פֿראַגע איבער די ענגלישע קאַלאַניעס אין אווסטראַליען. דער גרעסטער טהייל פון אווסטראַליען געהערט צו ענגלאַנד. די ענגלישע קאָלאָניעס האָבען דאָרט אייגענע מיניסטאָרען, אייגענע פאַרלאַמענטען מיט אייגענע געזעצען. אָבער די פֿערשידענהייטען פון געזעצען אין לענדער, וועלכע ליגען איינס נעבען דעם אַנדערען, און די טאַמאזשנעס אויף די גרענעצען שטערען אין פֿיעל פרטים די פֿרייהייט פון די איינוואָהנער, וועלכע אונטערשיידען זיך ניט אין די דאָזיגע קאלאניעס איינע פון די אַנדערע. דאָס האט אַרויסגערופֿען דאס בעדערפֿניש צו פֿעראייניגען די ענגלישע קאלאניעס אין אווסטראַליען מיט איין פאַרלאַמענט און איין מיניסטעריום. צו פֿעראייניגען אין איינעם די קאלאניעס איז אָבער ניט קיין גרינגע זאַך, ווייל ביי פערענדערונג פון אַזוינע וויכטיגע געזעצען האט מען, חוץ די הסכמות פון די רעגירונגען אין די קאלאניעס און פון ענגלאַנד. אויך געדאַרפֿט האָבען די בעשטעטיגונג פון די איינוואָהנער אין יעדער קאלאניע בעזונדער דורך אַ אַלגעמיינע אַבשטימונג (פלעביסציט). עס איז דערפֿאַר ניט קיין וואונדער וואס די אַרבייט ביי דער פֿעראייניגונג פון אַלע ענגלישע לענדער (קאלאניעס) אין אווסטראַליען געדויערט שוין 10 יאָהר. איצט איז אַרויס אַ נייער סכסוך. אין וויכטיגע פֿראַגען ביי פּראָצעסען אָדער ביי ערקלערען פון געזעצען איז פֿאַר אַלע קאלאָניעס די העכסטע אינסטאַנץ איין בעזאָנדערער ענגלישער בית דין. די אַווסטראַלישע קאָלאָניעס אָבער ווילען כמעט אין גאַנצען צערייסען דעם פֿאָדעם וואס פֿעראייניגט זיי מיט ענגלאַנד און ווילען אויך בעפֿרייט ווערען פון דעם ענגלישען העכסטען בית דין און זיך מאַכען איין אייגענע העכסטע אינסטאַנץ. ענגלאַנד וויל דערצו איהר הסכמה ניט געבען און די קאָלאָניעס וועלען ווייטער מוזען אָנקומען צו אַ נייער פֿאָלקסאַבשטימונג.

דאָס פאָליטישע לעבען אין פֿראַנקרייך, וואָס איז די לעצטע צייט אין גאַנצען פֿערשטיקט געוואָרען דורך דער אויסשטעלונג, האט אויף אַ ווייַלע ווידער געלאָזט פון זיך רעדען. מען האט איצט געקליבען אין אַלע שטעדט פון פֿראַנקרייך נייע מיטגלידער פֿאַר די מאַגיסטראַטען (דומעס). אין גאַנץ פראַנקרייך ווערען גערעכענט 36,170 קהלות און אויף צו פֿיהרען די שטעדטישע קהלישע ענינים האט מען געדאַרפֿט אויסקלויבען 430,120 מאגיסטראַטמיטגלידער. אמת, די מאַגיסטראַטען פֿערנעהמען זיך ניט מיט פאָליטיק, אָבער ביי דעם שאַרפֿען פאָליטישען לעבען פון פֿראַנקרייך און ביי דעם שטענדיגען קאַמפף צווישען די פאַרטייען סטאַרעט זיך יעדע פאַרטיי אויסצוקלויבען איהרע אייגענע פֿערטרעטער, און דערום זעהען מיר אין די נייע וואַהלען אַ שפיגעל,

---

פֿעלקער. מע קען זאָגען אַז ער האָט מיט זיין אַרבייט אַראָבגענומען פֿון דער הלכת שחיטה אַליין א גרויסע סרחה, מיט וועלכע אונזערע שונאים האָבען אונז, יודען, געוואָלט טרף מאַכען אין די אויגען פֿון דער גאַנצער וועלט. דער ליעבער דאָקטאָר. זאָל לעבען האָט אונז מיט דעם אַודאי געטהון א גרויסע טובה. מיין באבע — זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן — פֿלעגט אָבער זאָגען אַז דאָס בעסטע און געשמאַקסטע שטיקל פלייש איז פֿון אַזאַ יאַלאָווקאַ, אויף וועלכער עס איז געוועזען אַ סרחה און וואָס שווערער עס איז געוועזען אַראָבצונעמען די סרחה איז דאָס פֿלייש אַלץ כ ש ר ' ע ר... אָט דאָס — פֿלעגט זי זאָגען — איז טאַקי אין אמת י ו ד י ש שטיקל פֿלייש..

דער רעיון הציוני איז אַודאי פֿון אָנהויב-אָן געוועזען אַ כשר'ער רעיון; נאָר כדי די גאַנצע וועלט זאָל אַרויסזעהען בעשיינפערליך אַז דאָס איז טאַקי אַן אמתער י ו ד י ש ע ר רעיון, איז נייטהיג געוועזען אַז ער זאָל האָבען אויף זיך די אַלטע „קהלשע" יודישע „ח ת י מ ה" — אַ דאָנאָסיל, און טאַקי אַ יודישען דאָנאָסיל... דאַנקען גאָט, דאָס איז שוין אויך דאָ... דער הושענאַוואָקער רב, זאָל לעבען, האָט אַודאי בכונה ניט געהאַט צו טהון די טובה דעם ציוניזם, נאָר אויסגעקומען איז דאָס גוט... די רבנים פֿלעגען מאַכען אויפֿשריפֿטען נור אויף וויין, מעד וכדומה זאַכען: „כשר לפסח"; דער הושענאַוואָקער מורה-הוראה האָט געמאַכט אין אויפֿשריפֿט אויף דער אידעע הציונית אַז זי איז כשר אויף אַלע ימים-טובים און אויף אַ גאַנץ-יאָהר, און איצט איז זי שוין אַודאי אין אמת-י ו ד י ש ע אידעע: די סרחה — דאָס דאָנאָסיל — האָט איהר צוגעגעבען טעם.... וואָס נאָך דאַרף מען? „ו ו י י ק ע ן" און „ז אַ ל צ ע ן"? גענוג, יודישע קינדער, גענוג האָט זיך דער רעיון געוויקט אין אונזערע געזאַלצענע טהרערען.. ער איז שוין כשר לכל הדעות... און מיין ישראליק האָט אַ גרויסען טעות!

דאָס וואָס איהם ווייזט-אויס פֿאַר אַ חלום איז אַ ליכטיגער, וואַהרער אמת... פֿון שלאָף, אין וועלכען מע זעהט אַ ז ע ל כ ע „חלומות", שטעהט מען אויף פֿריש, יונג געזונד און פֿרעהליך, דאָס איז דער שלאָף נאָכ'ן קריזיס אין אַ לאַנגער, סכנות'דיגער קריינק... אַ ז ע ל כ ע „חלומות" באַוועהען דאָס פֿערביטערטע יודישע האַרץ אַזוי ווי דאָס פֿרישע, קיהלע ווינטיל זומער אין דער פֿריה איידער עס הויבט-אָן צו טאָגען...

און די זון געהט־אויף אין הימעל,
שיינט און גלענצט אויף טהאל און באַרג,
און דער טהוי וואַשט־אָב דעם שימעל
פֿון דעם וואַלד, פֿעריאָגט זיין דרימעל,
מאַכט איהם ווידער פֿריש און שטאַרק...

שטעה־זשע אויף! די אַלטע גליעדער
וואַרעם־אָן, מאַך שטאַרק זיי ווידער
און די לאַנגע נאַכט פֿעריאָג,
אונזער ליעבער, אונזער שענער,
אונזער ליכטיגער און ריינער,
אונזער זומערדיגער טאָג!.....

ס' פעטערבורג, יאַנואַר, 1900. — יש. פרוג.

אין וועלכעס עס שלאָגט זיך אָב א ריכטיגעס בילד פֿון דעם מצב און פֿון דער שטאַרקייט פֿון די פּאַרטייען. אין די שטעדט וואָס האבען ביז 60,000 איינוואָהנער, קלייבט מען אויס 10 מענשען אין מאַגיסטראַט, אין די שטעדט, וואו די צאהל פֿון די איינוואָהנער איז מעהר קלייבט מען אויס 36 מענשען, נור פּאַריז קלייבט אויס 80 מיטגלידער. ביז איצט זענען נאך ניט בעקאַנט אין גאַנצען די רעזולטאַטען פֿון אַלע וואַהלען, אָבער דאס זעהט מען שוין קלאָר אז אין פּאַריז האָבען די ליבעראַלע און סאָציאַליסטען פֿערלאָרען אין מאַגיסטראַט אַ סך ערטער, וועלכע עס זענען אָבגענומען געוואָרען פֿון אַנטיסעמיטען און קאנסערוואטיווע. ביי די פֿיינד פֿון דער רעפּובליק איז ששון ושמחה. מיט פֿאהנעס איז מען געגאַנגען אין די גאַסען און מען האט אַרויסגערופֿען מיט התלהבות די נעמען פֿון די העלדען אַנטיסעמיטען, וועלכע האָבען זיך בעריהמט געמאַכט אין די טעג פֿון דרייפֿוסעס משפט.

די נייע אסיפות אין עסטרייכישען פּאַרלאַמענט האָבען זיך אָנגעהויבען מיט דיזעלבע סקאַנדאַלען ווי פֿריהער. דער מיניסטער קערבער האט געהאַלטען אַ גוטע רעדע, אין וועלכער ער האט זיך געווענדט צו אַלע פּאַרטייען און זיי געבעטען צו טהון אַלעס מעגליכע צו מאַכען שלום און ניט שטערען ווייטער דעם פּאַרלאַמענט אין זיין אַרבייט, ער האָט פֿערזיכערט אז די רעגירונג געהערט ניט צו אַ פּאַרטיי, זי זוכט נור די טובה פֿון אַלע איהרע פֿעלקער גלייך, זי וויל אַלעמען גלייך בעהאַנדלען מיט יושר און סטאַרען זיך צו הויבען די קרעפֿטען פֿון דער מדינה. די טשעכען אָבער האַלטען אויך ווייטער ביי זייערס, זיי זענען מיט דער רעגירונג אונצופֿרידען, זיי ווילען אז זייערע נאַציאָנאַלע רעכטע זאָלען פֿערגרעסערט ווערען און דערפֿאַר מוזען זיי אָנמאַכען דעם פּאַרלאַמענט שוועריגקייטען אויף שוועריגקייטען. זיי האָבען דערלאַנגט דעם פּאַרלאַמענט 2000 פּעטיציעס און ביי יעדער פּעטיציע פֿאָדערן זיי אז מען זאָל אָבשטימען איבער יעדע פּעטיציע בעזונדער, אויב זי זאָל אַריינגעטראָגען ווערען אין פּראָטאָקאָל אָדער ניט, און זיי בענוגענען זיך נאָך ניט מיט דעם אַליין וואָס מען זאל אויפֿהויבען די הענד, נאָר זיי פֿאָדערן אז מען זאָל אָבשטימען אויסרופֿענדיג מיט'ן נאָמען יעדען דעפּוטאַטען בעזונדער. נאָך די תקנות נאך מוז דער פּאַרלאַמענט אַזאַ פֿאָרדערונג, ווען זי ווערט נור געשטעלט פֿון אַ געוויסער צאָהל דעפּוטאַטען, גלייך אָננעהמען. אויף אַזא אופֿן פֿערלירט דער פּאַרלאַמענט אויף יעדער אסיפה אַ מאַסע צייט אומזיסט און אומנישט.

אין די קליינינקע מלוכות וואס זענען צונויפֿגעקוועטשט אויף די באַלקאַנען זענען שטענדיג בונטען און מחלוקת. די פֿעלקער זענען צו ווייניג צוגעוועהנט צו אַ געזונדען פּאָליטישען לעבען, די רעגירונגען האָבען נאך ניט בעוויזען צו קריגען אין פֿאָלק דעם כבוד און די קראַפֿט פֿון אַלטע רעגירונגען, און מען מוז מודה זיין אַז ניט אַלע מאָל פֿערדיענען זיי נאָך דערצו דעם כבוד וועלכען זיי זוכען. די קליינינקע מלכים'ליך און פֿירסטען ווילען אויך שפּילען אין פּאָליטיק אַנשטאַט זיך צו בעשעפֿטיגען מיט די פֿראַגען פֿון זייערע לענדער. אויף די באַלקאַנען גליהען דערום שטענדיג פֿונקען, וועלכע דאַרפֿען נור האבען דאָס קלענסטע ווינטעלע אויפֿגעבלאָזען צו ווערען אין אַ פֿייער. די גרויסע מלוכות פֿון איירָאָפּא לאָזען דערפֿאַר די באַלקאַנען ניט אַרויס פֿון זייערע אויגען אום צו דער צייט צו פֿערלעשען דאס צו שטאַרק אויפֿגעבלאָזענע פֿייער. אַזאַ אויפֿגעבלאָזענער פֿונק איז איצט אין בולגאַריען, וואו עס איז געוואָרען אַ גאַנצע מרידה. די רעגירונג האט איינגעפֿיהרט איצט מַעֲשֵׂר פֿון די פֿעלדער הויץ די אַלטע אָבצאָהלונגען וואס זיינען אויס אַלע כחות פֿון דעם אָרימען ערדאַרבייטער. די פּויערים האבען זיך אָבגעזאָגט צו צאָהלען דעם מעשר. די רעגירונג האט געשיקט סאָלדאַטען צו נייטהען דעם פֿאָלק צו געבען די אָבצאָהלונגען. די פּויערים אָבער האבען זיך פֿעראייניגט מאַסענווייז און זענען אַרויסגעטרעטען געגען דעם מיליטער. אין פֿיעל ערטער האָבען זיך די סאָלדאַטען אָבגעזאָגט צו שיסען געגען זייערע ברידער און פֿאָטערס און דערמיט צוגעגעבען מעהר מוטה די אויפֿגעברענטע פּויערים. ביי רושטשוק איז פֿאָרגעקומען אַ אמת'ע מלחמה צווישען פֿאָלק און

די סאָלדאַטען, ביי וועלכער עס זענען פֿון ביידע זייטען דערהרגעט און פֿערוואונדעט געוואָרען עטליכע הונדערט מענשען. י. ל.

---

## דער חשבון פֿון דער יודישער קאלאניאלבאנק.

די יאָהרבאַלאַנס פֿון דער יודישער באַנק איז אויסגערעכענט מיט דעם 31 דעצעמבער 1899 און קאָנטראָלירט פֿון די רעוויזאָרען, וועלכע האָבען אַלעס געפֿונען אין דער בעסטער אָרדענונג און אונטערגעשריבען די ביכער מיט דער בעמערקונג, דאָס דעם 31 דעצעמבער 1899 איז געווען איינגעצאַהלטעס געלד אין באַנק 91,272 פֿונט שטערלינג מיט 13 שילינג (איין פֿונט שטערל.=$9^1/_2$ רו"כ, איין שילינג — אנ'ערך פֿון $^1/_2$ רו"כ), און דעם 21 אַפּריל היינטיגעס יאָהר איז איינגעצאָהלטעס געלד שוין 122,491 פֿונט שטרל.

### דער חשבון פֿון 31 דעצעמבער 1899.

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין לאָנדאָנער ביינק | | | 58,607.14.1. |
| אין אויסלענדישע באַנק . . . . . . . | | 18.368.1.9 | |
| אין ענגלישע ביינק . . . . . . . . . | | 1.691.8.0 | 20.059. 9 9 |
| אין קאסע פֿון דער יודישער באנק | | | 6. 5. 11 |
| פֿערשיעדענע דעביטארען | | | 1. 15. 0 |
| מעבעל און ווירטשאַפֿט | | | 206 0 4 |
| גאראנטיפֿאָנד | | | 5518. 8. 11 |
| הוצאות אויף צו גרינדען די באנק צוזאַמען מיט די הוצאות פֿון 4 אָקטאָבער 1898 ביז דאטאָ: | | | |
| רייזע הוצאות . . . . . . . . . . . | | 1,521.14.9 | |
| געהאלט און מתנות פֿאר דעם באנק פערסאָנאל | | 1.887. 7.4 | |
| דרוקסאָרטען און איבערזעטצונגען (צוזאמען מיט די אקציעס דרוקען) . . . . . . . . . | | 1,577. 5.5 | |
| רעגירונגס אבצאהל ביי דער בעשטעטיגונג פֿון דער באנק . . . . . . . . . . . | | 2.050. 0.0 | |
| אדוואָקאטען און קאָנטראָליאָרען . . . . . . | | 1,299. 8.8 | |
| דאָס איינשרייבען פֿון די אַקציעס . . . . . . | | 983.19.10 | |
| בריעף און דעפּעשען . . . . . . . . | | 751.11.5 | |
| פּאָרטא פֿאר פּראָספּעקטען און אקציעס . . . . | | 184. 3.9 | |
| מודעות . . . . . . . . . . . . . | | 1,286.14.6 | |
| אבצאהלונגען אויף קוויטען . . . . . . . . | | 837.11.5 | |
| באנק הוצאות און קורס דיפערענצען . . . . . | | 299.15.11 | |
| שרייבמאטעריאל און די איינריכטונג פֿון ביורא . | | 267. 7.9 | |
| ביורא-הוצאות . . . . . . . . . . . | | 722. 6.8 | |
| וואָהנונג . . . . . . . . . . . . . | | 577.11.3 | |
| הוצאות אויף איינמאנען די ראטעס אין אויסלאנד | | 95.9.10 | |
| פֿערזיכערונג . . . . . . . . . . . . | | .23 5.0 | |
| | | 14,365.13.6 | |
| אנגעוואכסענע צינזען אין די ביינק . | 1,164 8 2 | | |
| מתנה פֿון נ. נ. אין ה. . . . . . . | 50.0.0 | | |
| סקאָנטאָ . . . . . . . . . . . . | 1.10.0 | 1.215.18.2. | 13.149.15.4. |
| | | | 97.549. 9.4. |

### באלאנס.

| | |
|---|---|
| דער פֿאָרגעשלאגענער קאפיטאל' | |
| 100 גרינדער אקציעס צו 1 פֿונט | 100.0.0 |
| 1.999.900 געוועהנליכע אקציעס צו 1 פֿונט | 1.999.900.0.0 |
| | 2,000.000.0.0 |
| איינגעשריבענער קאפיטאל | |
| 100 גרינדעראקציעס צו 1 פֿונט | 100.0.0 |
| 250.015 געוועהנליכע אקציעס I אויסגאבע | |
| 37.962 " " II " | |
| 287,977 צו 1 פֿונט | 287.977 .0.0 |
| | 288.977 .0.0 |

אויף דעם איז אָנגעקומען געלד:

| | |
|---|---|
| 20 שילינג פער אקציע פֿאר 100 גרינדער-אקציעס (אלע ראטעס) . . . . . . | 100. 0.0 |
| 12 שילינג פער אקציע פֿאר 250008 געוועהנליכע אקציעס (3 ראטעס) . . . . | 150,004.16.0 |
| 4 שילינג פער אקציע פֿאר 37.962 געוועהנליכע אקציעס (1 ראטע) . . . . . . | 7,592. 8.0 |
| 20 שילינג פער אקציע פֿאר 7 אקציעס (אלע ראטעס) . . . . . . . . . . | 7. 0.0. |
| | 157,704. 4.0 |

| | | |
|---|---|---|
| פון דער סומע געהט אראב אים פאראויס געצאהלטע ראטעס און געלד וואס איז איינגעצאהלט געוואָרען אויף נייע אקציעס . . . | 66.431.10 2 | 91.272.13.10 |
| פערשיעדענע קרעדיטאָרען | | 743. 12.1 |
| גאראנטיפאנד (26 מענשען) | | 5.518. 8.11 |
| אבצאהלונג אויף פרעדיאוויטעלסקע אקציעס (אינהאבער אקציעס) | | 14.14.6 |
| פונט שטר. | | 97.549 9.4 |

---

# בריעף אויס וואַרשוי.

ג.

נישט אײנער פֿון די לעזער מײנט, אַז אויסטראַכטען ווילדע מַעֲשׂיות קען נור שמ"ר און די אַלע, וואָס שרייבען "אַזוי ווי שמ"ר", "בעסער ווי שמ"ר" וּכְדוֹמֶה. עס איז אָבער פֿאַלש. דער בעסטער אויסטראַכטער איז דאָס לעבען אַליין, בִּפְרַט דאָס לעבען אין די גרויסע שטעדט. . . אין די גרויסע שטעדט דרעהען זיך אַרום גרויסע שרייבער און זוכען מעשׂיות — טעמאַטען צום שרייבען, און אויף יעדען שריט און טריט וואַלגערן זיך אַרום מעשׂיות, וואָס בעטען זיך אַ שרייבער, נאָר די שרייבער מיט די מעשׂיות טרעפֿען זיך זעלטען... דעריבער ווייסט דער גרויסער עוֹלָם זעלטען פֿון די שרייבער וואָס מליצען איהם איבער דאָס אַלטע שטרוי, און נאָך זעלטענער פֿון די אֱמֶת'ע פֿאַקטען, פֿון די אמת'ע טעמאַטען, וואָס דאָס לעבען גיט און איבער וועלכע אַ מענש דאַרף זיך אָבשטעלען און איבערקלערען: און טאָמער דאַרף טאַקי זיין אַנדערש?

צו ר' "זיינוועלען", דעם עלטעסטען פֿון די וואַרשויער רַבָּנִים, איז אין לעצטען פּוּרים אַריינגעקומען אַ מְשׁוּלָּח און געברענגט איהם שְׁלַח־מָנוֹת, אַ בַּעַל־הַבַּיִת האָט עס געזאָלט שיקען, ר' זיינוועלע מאַכט אַ צופֿרידען פָּנִים, די רֶבִּיצִין נעמט איבער אַ נענוג גרויס, פֿיין־געפֿלאָכטען קיישעל, מיט אַ פֿיין געשניצט שטאָהלערן שליסעלע. . . דער רב מיט דער רביצין נעמען זיך צו עפֿענען דאָס קיישעל, דער משולח וואָס וואַרט אויף טרינקגעלד, העלפֿט מיט.

דאָס קיישעל ווערט געעפֿענט בעהוטזאַם: אֶפְשַׁר פֿיין גלאָז, אפשר געבעק; זי שטעלט עס אויפֿ'ן טיש — פֿון אויבען בעווייזט זיך אַ שׁוּרָה וואַטע, ווייסע, פֿיינע וואַטע און אונטער איהר — אַ פיער־וואָכענדיג קינד;

אויפֿ'ן העלזיל הענגט אַ בריעף פֿון דער מוטער:

— זי מוז אַוועק קיין אַמעריקאַ, שרייבט זי, זי האָט אין וואַרשוי, וואו זי איז פֿרעמד געוועזען, שלעכטע נעשעפֿטען געמאַכט און מוז אַוועק, מיטנעמען דאָס קינד אויף אַזאַ וויטע רייזע קען זי נישט, אין פֿינדעלהויז געבען, וויל זי נישט... זי וויל דאָס קינד זאָל בלייבען אַ יוד...

— זי האָפֿט צו גאָט, אַז "מְשַׁנֶּה מָקוֹם מְשַׁנֶּה מַזָּל" — אַז אין אַמעריקאַ וועט זי בעסער מאַכען; אַז פֿון דאָרט וועט זי נעלד שיקען און מיט דער צייט אַ שיפֿסקאַרטע פֿאַר'ן קינד, עס זאָל צו איהר קומען — — —

מען האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל אין קָהָל־שטוב (אַזוי רופֿט מען אין שטאָדט דאָס געמיינדע־הויז, דעם "זאַרזשאָנד") און די געמיינדע האָט איבערגעגעבען דאָס פֿערלאָזטע קינד צום ערציהען...

זאָגט אַליין, — אַ שלעכטע התחלה פֿאַר אַ ראָמאַן אַ לאַ שמ"ר?

נאָט אייך נאָך איינע:

צו'ן איין אָרימען שוסטער קומט אַריין אַ פּאָר פֿאָלק; זי האַלט אַ זייגענדיג קינד ביי דער ברוסט, און איז נאָך בלאַס ווי אַ פֿרישע נעווינערין... אַ שטיל קינד, עס זייגט און שמייכעלט אין שלאָף... עס איז אַביסיל גרינלי'ך. נאָר דעם שוסטערס אַכט קינדער זעהען אויך נישט בעסער אויס... דאָס פּאָר פֿאָלק איז געקומען דינגען זיך אַ ווינקעל, וואָס דער שוסטער האָט אָבצוגעבען... מען דינגט זיך און מען דינגט, ביז עס איז נעבליבען צוויי רובל אַ חֹדֶשׁ. דאָס פּאָר פֿאָלק לאָזט איבער אַ רובל האַנד־געלד מיט'ן שלאָפֿענדיגען קינד, געהט נאָך די זאַכען און — קומט שוין מעהר נישט צוריק... דעם שוסטערס ווייב האָט בעקומען דאָס ניינטע קינד, נאָר שוין אָהן וועהען...

וואַרשויער קהל האָט איבערגענומען נאָך אַ קינד, שוין אַ מיידיל.

אַ מענש, וואָס בעשעפֿטיגט זיך מיט קהל־זאַכען, איין אֱמֶת'ר מִתְעַסֵּק בְּצָרְכֵי הַצִּבּוּר, קען זיך ביי די פֿאַקטען אָבשטעלען; קלערען, אַז ביי אונז האָט געמוזט עפּיס אַנדערש ווערען; ערגער ווערען ווי אַ מאָל; אַז דער בלאַנקעדיגער שפּיגעל פֿון אונזער פֿאַמיליען־לעבען האָט עפּיס פֿלעקען, אויב נישט שאַרפֿע ריצען און שפּאַלטען, בעקומען. נאָר איין עכטער ראָמאַנען־שרייבער אַ לאַ שמ"ר אָדער בעסער ווי שמ"ר, וועט געוויס בעסער בעניצען דאָס מאַטעריאַל. . . איין קינד וועט ער לאָזען ביים שוסטער, דאָס צווייטע וועט ער איבערגעבען אַ שניידער; דערנאָך וועט ער אָבוואַרטען אַכצעהן יאָהר, און וועט זיי ביידע, דאָס יונגיל מיט'ן מיידיל, צוזאַמענפֿיהרען אין אַ זומער־אָבענד אין זאַקסישען גאָרטען, וואו די לופֿט איז פֿול מיט יֵצֶר־הָרָע אָטהעם, די ביימער זענען "מַאֲפִיל בְּטַלִּיתָם" און וועט זיי הייסען דעקלאַמירען... וועניגסטענס דעקלאַמירען!

האָט איהר אַ פּראָלאָג (הַתְחָלָה) און איין עפּילאָג (סוֹף) צו'ן אַ העכסט אינטערעסאַנטען ראָמאַן.

— — — — — — — — — — — — — — —

ליידער, נישט נור אונזערע שרייבער שטעהען ווייט פֿון לעבען, נאָר אפילו אונזערע סוֹחרים; די וועלט־מענשען! זיי האָבען אויך מיט'ן לעבען וועניג וואָס צו טהון...

אַלץ געהט צו ווי אין אַ סטאַדע, אַלץ זעהט אויס ווי אַ מַגֵּפָה.. האָט איינער פֿערדיענט פֿון צוקער, שפּעקוליע'ט די גאַנצע יודישע וועלט מיט צוקער, קויפֿען דַיָּנִים, מְלַמְּדִים און בעלפֿער קוויטאַנציעס אויף צוקער. . . פּלוצים ווערט אַ געשפּילעריי אויף דער "אונטער־בערזע" מיט אַקציעס, דערנאָך געהען הייזער, פּלעצער באַהן־רעקלאַמאַציעס!... אַלע פֿערדיענען, דערנאָך קראַך! באַנקראָטירען אַלע. . . דאָס רעדיל דרעהט זיך, היינט אַ גְּבִיר, מאָרגען קַבְּצָה־מאַן. . . היינט פֿאָהרט מען אויף גומירעדער, מאָרגען פּלטה, בעהאַלטען צווישען זעק אין אַ יודישע בויד! אַבי געלעבט, דאָס הייסט אַבי געלעבט מיט פֿערמאַכטע אויגען...

אין קורצען וועט זיין אין וואַרשוי אַ מִלְחָמָה, בעסער געזאָגט אַ דועל, צווישען גאַז און עלעקטריציטעט! די רעגירונג האָט בעשטעטיגט עלעקטרישע בעלייכטונג, און די נייע געזעלשאַפֿט, וואָס נעמט איבער די עלעקטרישע בעלייכטונג, וועט קאָנקורירען מיט דער אַלטער געזעלשאַפֿט, וואָס בעלייכט ביז אַהער מיט גאַז. אַ מלחמה וועט זיין אַ שווערע, אַ שטאַרקע! דער גאַז האָט זיינע פֿעהלער, ער לייכט נישט אַזוי העל ווי עלעקטריציטעט, און, אַנגעטהון אין "אויערס העמדליך" גיט ער ווייס, בלאַנק ווייסעס ליכט, נאָר עס שאַדט צו די אויגען! עלעקטריש ליכט האָט דאַגעגען צוויי מַעֲלוֹת, עס שאַדט נישט פֿאַר די אויגען און גיט אַ העל, אַנגענעהם ליכט. נאָר די גאַז־געזעלשאַפֿט, וואָס האָט שוין פֿון לאַנג איהרע אַנשטאַלטען, איהרע רעהרען, איהרע לאָמפּען, וועט קענען אָבלאָזען פֿון פּרייז, ביליג מאַכען די בעלייכטונג פֿון גאַז, און אויב די קאָנקורענץ וועט עס פֿערלאַנגען, וועט זי דאָס נוצגעלד פֿון איהרע איינריכטונגען גאָר נישט רעכענען, וואָרום זי האָט שוין גענוג פֿון זיי געלד אַרויסגעצויגען.

דאַגעגען די נייע עלעקטריציטעט געזעלשאַפֿט, וואָס מוז ערשט אַריינשטעקען פֿרישע סומען אין איינריכטונגען און אַנשטאַלטען, וועט נישט קענען געבען איהר בעלייכטונג אַזוי ביליג, און וועט זיך מוזען אין אָנהויב וועניגסטענס בעגניגען מיט רייכע לייט, ביי וועלכע דער אונטערשיעד פֿון פּרייז וועט קיין גרויסע ראָלע נישט שפּיעלען...

מיט דער צייט, איז צו רעכנען, וועט די עלעקטריציטעט גוֹבֵר זיין, נאָר די מלחמה וועט זיין אויף אַ לאַנגע צייט; און פֿאַלען אין דער מלחמה זאָל פֿריהער נאָך דער נאַפֿט! וואָרום ביים ביליגען פּרייז פֿון גאַז־בעלייכטונג וועט קיינער נישט ברויכען זיך צו בעגניגען מיט'ן אומריינען קאָפּצידיגען נאַפֿט...

אַזוי זאָגט דער עוֹלם... טהייל אָבער דריקען די אַקסעל און גלויבען אין דער מלחמה נישט! פֿערקעהרט, זאָגען זיי, ביידע געזעלשאַפֿטען וועלען זיך בלייבען גוטע פֿריינד! זיי וועלען שוּתָּפוּת מאַכען אויף דער פֿרעמדער קעשענע, ביידע וועלען האַלטען דעם פּרייז. עלעקטריציטעט וועט זיין פֿאַר גאָר רייכע, גאַז פֿאַר געוועהנליך רייכע און נאַפֿט וועט

בלייבען נאפט פאר אזעלכע, וואס קענען זיך נישט ערלויבען אויף א בעסערע בעלייכטונג.

דערפון רעדען אונזערע סוחרים גלייך מיט אלע, גלייך מיט אלע וועלט־מענשען; זיי רעדען ווי פון א פרעמדע זאך, פון איין פרעמד עסק וואס קען זיי וועניג וואס אינטערעסירען! די געזעלשאפטען פון גאז און עלעקטריציטעט זענען צו גרויסע העכט, אונזערס א קליין סוחר׳ל זאל קענען איינפאלען, ארויסצוחאפען ביי זיי א ביסען פון מויל!.. און דאך...

און דאך איז שוין אין אויסלאנד בעקאנט א נייע ערפינדונג, צו בענוצען אויערס העמדליך צו דער געוועהנליכער נאפט־בעלייכטונג; די ניי־ערפונדענע לאמפ איז כמעט אזוי איינפאך און כמעט נישט טהייערער ווי די געוועהליכע נאפט־לאמפ וואס מיר ניצען ביז היינט און דאס ליכט זאל זיין אזוי העל און אנגענעהעם!

צי וועט איינפאלען אונזערס א סוחר צו בעמיהען זיך צו בעקומען פון ערפינדער א פערטרעטונג אויף ווארשוי?

נאך וואס? ווי געהט מען עס ארויס פון דער סטאדע? און די סטאדע הויבט אן צו ספעקוליערען איבער טארף! איבער טארף, וואס וועט א מאל זיין! איבער קוויטאנציעס פון טארף לעתיד לבא!

---

דער ווארשויער גענעראל־גובערנאטאר האט ארויסגעגעבען א וויכטיגען בעפעהל, מען זאל צוריק איינפיהרען ראטה־מענער אין די פוילישע מאגיסטראטען, על פי דין דארף יעדער מאגיסטראט האבען, צום בירגער־מייסטער צו הילף, אויסגעקליבענע ראטהמענער פון די שטאדטישע בעלי בתים. נאר א מנהג ברעכט א דין, און נוהג איז מען זיך אין אונזערע מאגיסטראטען, אויב א ראטהמאן שטארבט אדער זאגט זיך אב, קיין נייעם נישט אויסצוקלויבען! אין מאנכע שטעדט האט מען שוין גאר אין די ראטהמענער פערגעסען, און דער בירגערמייסטער (אין גרעסערע שטעדט: דער פרעזידענט) פיהרט אליין דאס רעדיל און בעגעהט זיך אהן די עצות פון די בעלי־בתים.

דער נייער בעפעהל פון גענעראל־גובערנאטאר איז מבטל דעם שלעכטען מנהג, און הייסט אויספיהרען דעם ריכטיגען דין.

די רעכטע פון די ראטהמענער זענען נישט קיין קליינע:

פון די ראטהמענער מיט׳ן בירגערמייסטער צוזאמען בעשטעהט דער שטאדט־ראטה און דער האט צו פערזארגען: דאס בעל־בתישקייט פון שטאדט, צו מאכען און פארצושטעלען דער רעגירונג צום בעשטעטיגען דעם שטעדטישען בודזשעט (דעם חשבון פון הוצאה והכנסה). צום שטאדט־ראטה געהערט די אייסערליכע איינריכטונג פון שטאדט (ברוקיערען און ריינקייט פון די גאסען, דאס אויסזעהן פון הייזער, איינריכטען שפאציער־פלעטצער, סקווערען וכו׳) אבט־געבען אויף די שטעדטישע אנשטאלטען (אינסטיטוציעס: — שפיטעלער, בעדער וכדומה) ווי אויך צו ענפערן אויף די פראגען, מיט וועלכע די רעגירונג ווענדט זיך צום מאגיסטראט. אויסער דעם, נעהערט צום שטאדט־ראטה צו בעשטעטיגען, ווי אזוי דאס שטאדטישע אייגענטהום זאל ווערען בענוצט, אכט צו געבען דער שטאדטישער בודזשעט זאל ווערען ריכטיג אויסגעפיהרט... אויך צעטהיילט ער די אבצאהלונגען צווישען די איינוואהנער, קוקט דורך אלע השבונות וכו׳ און ענדליך, ענדע יעדעס יאהר, האט דער שטאדט־ראטה דאס רעכט פארצושטעלען דעם גובערנאטאר בעמערקונגען וועגען דער פיהרונג פון שטאדט ביז אהער און פלענער אויף שפעטער.

איהר זעהט, אז דער שטאדט־ראטה האט א גרויסע דעה און אסך צו טהון; אז א ראטהמאן איז א וויכטיגע פערזאן, וואס קען ארבייטען לטובת הכלל און — מיר בלייבט נור צו צוגעבען, אז אויסגעקליבען ווערען אלס ראטהמענער קענען אלע אהן אונטערשיעד פון גלויבען...

יודישע בעלי־בתים, דאס לעבען געהט אייך אקעגען, צי וועט איהר עס אויך אויסמיידען, ווי אונזערע שרייבער און סוחרים?

---

דער געוועזענער יודיש־ליטעראַרישע פורים האט קאלע געמאכט א מאסע בלוט!

דער „קוריער ווארשאווסקי" האט בעמערקט, אז דעם באל האבען זיך געמאכט, די יודישע שרייבער, וואס ארבייטען אין יודישע (העברעאיש־זשארגאנישע) בלעטער, מען זאל חלילה נישט מיינען, אז א ליטעראט, חאטש א יוד, וואס שרייבט פויליש האט געטאנצט אויפ׳ן באל, חס ושלום!

אנדערע, מיט דער „ראלא" אין דער שפיץ, האבען געקריצט מיט די צייהן און געשפריצט מיט שוים: ווי הייסט? צי איז פערהאנען א יודישע ליטעראטור? יודען און שרייבער, יודען און קונסט? אפילו דער ליבעראלער „פשעגלאנד טיגאדניאווע" האט אביסיל אונטערגעמורמעלט... יודישע מאסקאראדע, הייסט עס!

אין פוילישע צייטונג האט פון יודישען פורים־באל נישט דערמאנט, זי האט פון איהר גאר נישט געוואוסט, דאס איז דער ווארשויער אייזראעליט!

ישראל שווערגעמוט.

---

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

אין פאריז האט זיך היינטיגס יאהר געעפענט א שולע פאר צייטונגסשרייבער (זשורנאליסטען), וואו מען לערענט אלעס נייטיגס וואס א צייטונגסשרייבער דארף קענען, און די צייטונג „הצפירה" (N. 89) האט אויך אנגעהויבען געבען לעקציעס יודישע קארעספאנדענטען פון די יודישע שטעדט און שטעדטליך, כדי זיי זאלען זיך ענדליך אויסלערנען שרייבען קארעספאנדענציעס אין די יודישע צייטונגען.

די געשעצטע צייטונג קלאגט זיך אז דאס מעהר קארעספאנדענציעס קען מען ניט דרוקען, ווייל די קארעספאנדענטען האבען ליעב צו שרייבען גרויסע און לאנגע בריעף. און אז מען זאל געפונען דאס נייעס פון שטעדטיל, ווי „א קוה איז געפלויגען איבער׳ן דאך", דארף מען איבערלייענען עטליכע בויגען פאפיער, ביז מען זאל געפונען „די שפילקע אין וואגען היי". פיעל האבען ליעב אנצורירען דעם כבוד פון איינציגע פערזאנען אדער אנפאלען אויף א גאנצע געמיינדע, ניט פיעל טראכטענדיג צי פערדיענען זיי עס אדער ניט. די רעדאקציעס פון דער ווייטענס איז אודאי שווער צו וויסען ביי וועמען דער אמת געפינט זיך. די ידיעות פון אלע שטעדטליך זענען כמעט גלייך: ווייטער וועגען בית־המדרש און ווידער וועגען ביקור חולים אדער וועגען דער באד. דערום גיט די „הצפירה" א פראגראמע די קארעספאנדענטען ווי אזוי צו שרייבען. פריהער פאר אלעמען זאלען זיי שרייבען קורץ, דייטליך און אהן מליצות. שרייבען זאלען זיי וועגען דעם: וויפיעל יודישע איינוואהנער געפינען זיך אין שטאדט, ווען האבען זיי זיך דארט בעזעצט, וויפיעל צעהלט זיך סוחרים ערשטע און צווייטע גילדיע, וויפיעל בעלי מלאכות און מיט וואס פאר מלאכות זיי פערנעהמען זיך, וויפיעל רבנים, לעהרער, אדוואקאטען, דאקטורים, יודישע סאלדאטען, וויפיעל צעהלען זיך שילער אין די שולען, וויפיעל געפינט זיך בתי מדרשים, צדקה חברות, אויך זאל מען שרייבען איבער די געשיכטע פון דער געמיינדע, וואס פאר א וויכטיגע זאכען אין פערשיעדענע צייטען איז ביי זיי פארגעקומען א. ד. ג.

ביי מיין בעסטען ווילען אז די יודישע קארעספאנדענטען זאלען זיך פון דער פראגראמע אויסלערנען שרייבען, מוז איך אבער זאגען דעם אמת אז איך גלויב ניט.

איך גלויב ניט אין דער פאריזער שולע אז מען זאל זיך קענען אויסלערנען זיין א זשורנאליסט און אין דער „הצפירה׳ס" לעקציעס אז מען זאל זיך קענען אויסלערנען זיין א קארעספאנדענט.

איך גלויב די לעהרער וואס פאר 1 רובל פאר דריי לעקציעס קענען זיי אויסלערנען די פראנצויזישע שפראך. איך גלויב אז פון א ביכיל פאר עטליכע קאפיקעס קען מען זיך אפשר אויסלערנען די דאפעלטע בוכהאלטעריע, איך גלויב אפילו אז די וואס האבען שוין פערגעסען אין די אלטע צרות קענען זיך ביים פראפעסאר פיינשטיין פון „מנעמאניקא" פאר א פאר רובל זיך ווידער אן זיי דערמאנען. מען קען מיר איינרעדען איך זאל גלויבען אין אלע מעטאדעס אין דער וועלט, נאר איך זאל גלויבען אז עס איז דא אזא מעטאדע ווי אזוי זיך אויס־

צולערנען ווערען אַ זשורנאַליסט אָדער אַ קאָרעספּאָנדענט — דאָס וועט מיר קיינער ניט איינרעדען.

פֿריהער פֿאַר אַלעמען דאַרפֿען מיר וויסען אַז קאָרעספּאָנדענטען געפֿינען זיך צווייערליי. די ערשטע מאָלען דאָס לעבען פֿון זייער שטאָדט, ווי דאס פֿאָלק לעבט, אַרבייט, קרעכצט און פֿרעהט זיך. אַזוינע קאָרעספּאָנדענציעס זענען ניט ווינציגער אינטערעסאַנט און וויכטיג פֿאַר יעדע צייטונג, פֿאַר יעדען לעזער ווי לייטאַרטיקלען, בעלעטריסטיק, שירים און אַנדערע אַרטיקלען. צו ווערען אַזאַ קאָרעספּאָנדענט, וועט מען זיך פֿון פּראָגראַמעס ניט אויסלערנען, אַזאַ קאָרעספּאָנדענט דאַרף פֿערמאָגען דאָסזעלבע וואס אַ פּובליציסט, בעלעטריסט, און פּאעט ד. ה. ער דאַרף האָבען מעהר אָדער ווענינער אַ געבוירענעס טאַלאַנט.

דער צווייטער סאָרט קאָרעספּאָנדענטען שרייבען נור פֿאקטען און עס וואָלט באמת זעהר וויכטיג געוועזען ווען זיי זאָלען זיך האַלטען נור ביי די פאקטען ד. ה. אין דער פּראָגראַמע וואָס די „הצפירה" ווייזט אָן. צום בעדויערען אָבער בעשרייבען זיי אויף פֿיעל בויגען פּאַפּיער ווי אַ פֿריילין איז אַנטלאָפֿען מיט אַ בחור, ווי איינער וואס האָט אין טייך געבאָדען אַ פֿערד איז צוזאַמען מיט דעם פֿערד דערטרונקען געוואָרען, ווי דער גביר פֿון שטאָדט האָט מנדר געוועזען אַ פּאָר רובל, ווי דער איז געבליבען אין חלשות און שוין ניט אויפֿגעשטאַנען, אָדער דער שרייבט גלאַט אַ דאַנאָסיל אויף דעם צווייטען א. ד. ג.

די „הצפירה" זאָגט אַז די קאָרעספּאָנדענציעס זענען ניט אינטערעסאַנט פֿאַר די לעזער און פֿערזיכערט דאָס אין דער פּוילישער פּרעסע איז די אַבטהיילונג אויך ניט אינטערעסאַנט.

מיר הערען עס דאָס ערשטע מאָל. פֿערקעהרט, יעדע אייראָפּעאישע צייטונג טהיילט אָב דעם „לעבען פֿון פּראָווינץ" אַ גרויסען פּלאַץ פֿון דער גאַנצער צייטונג. דאָס לעבען פֿון די שטעדט און שטעדטליך — פֿון דער פּראָווינץ זענען די שטאַרקע שטיינדליך — דער פֿונדאַמענט אויף וועלכען עס ווערט געבויעט די איבריגע געביידען פֿון דער צייטונג.

„ביי אונז שרייבען יונגליך"—זאָגט די „הצפירה". דאָס איז אמת, נאר ווער איז שולדיג אין דעם וואָס אונזערע צייטונגען זענען אין אַזאַ שלעכטען מאַטעריאַלישען שטאַנד אַז זיי קענען ניט צאָהלען קיין קאָרעספּאָנדענטען אפילו אין די גרעסערע שטעדט (אין יעדער שטאָדט, אין יעדען שטעדטיל קען מען געפֿינען אַ פֿעהיגען מענשען וואָס זאָל קענען אין אַ צייטונג קאָרעספּאָנדיר־ען) אָדער אַמאָל אין אַ יובל שיקען אַ קאָרעספּאָנדענט אין די קלענערע שטעדטליך, ווי עס פֿיהרט זיך ביי אַנדערע צייטונגען. אונזערע צייטונגען לעבען אַזוי אויך מיט נסים און געבען זייערע לעזער מעהר ווי זיי זענען אין שטאַנד. מיר קענען זיך ניט גלייכען צו אַנדערע, ווייל מיר קענען ניט אויספֿיהרען דאָס וואָס אנדערע.—

אַ גרויסען דאַנק פֿערדיענען, פֿון דעסטוועגען, אָט „די יונגליך" וואָס שפּאָרען ניט קיין צייט אין מאַרקעס און שיקען ידיעות אין אונזערע צייטונגען. אַ דאַנק זיי דערוויסען מיר זיך אָפּט פֿון אַ שטיקיל לעבען אין די אַזוי אויך שלאָפֿענדיגע שטעדטליך, אַדאַנק זיי דערוויסען מיר זיך אויך אַמאָל פֿון וויכטיגע זאַכען. אַדאַנק אָט די יודישע וועקערס האַפּט מען זיך אַמאָל אויף אין די שטעדטליך פֿון זייער אייביגען שלאָף, מען ציהט זיך אויס די ביינער, מען ריהרט מיט איין אבר און עס ווערט אַ שטיקיל רעש פֿון לעבען. זאָל דער וועקער אויפֿהערען קלאָפּען מיט זיינע קאָרעספּאָנדענציעס, שלאָפֿט מען ווייטער.

די יודישע שטעדט און שטעדטליך דאַרפֿען אונז אינטערעסירען ניט ווענינער ווי פּאַריז, רוים, ניצא, קאַרלסבאַד, פּעקון, האנקאו, א. ד. ג. נאָר דאָס ליגט שוין אין אונזער כאַראַקטער זיך מעהר אינטעריסירען מיט פֿרעמדע ווי מיט אייגענע. מיר דרוקען ליעבער צעהן קאָרעספּאָנדענציעס פֿון בערלין, וויען, באמביי, דובעל ווי פֿון בערדיטשוב, ווילנא, אייסישאק, לעטיטשעוו, מעזביז, המעלניק, חעלם א. ד. ג.

די „הצפירה" האט אָנגעריהרט אַ קראַנקען אָרט וועלכען מען קען מיט אַזאַ רעצעפּט ווי די פּראָגראַמע נור פֿערגרינגערען אָבער ניט אויסהיילען. מען דאַרף זוכען אַנדערע מיטלען.

ווען עס וועט קומען אַזאַ צייט, ווען יודען וועלען ווי אַנדערע פֿערשטעהן ווי וויכטיג עס איז פֿאַר זיי זייערע צייטונגען און אונזערע צייטונגען וועלען שטעהן אין אַזאַ גוטען מאַטעריאַלישען שטאַנד ווי אַנדערע, דאַן וועט די פֿראַגע, וואָס די „הצפירה" האָט געשטעלט, פֿערענטפֿערט ווערען ניט נור וועגען די יודישע קאָרעספּאָנדענטען, נאָר אויך וועגען אונזערע שרייבער און וועגען אונזער ליטעראַטור, וועגען וועלכע מען האָט שוין ניט איינמאָל געשריעבען, אָבער נאָך עד היום ניט פֿערענטפֿערט.—

אֱמת

---

## מען שרייבט אונז:

**א״ש ראַבינאָוויטש פֿון פּערעיאסלאוו** (פּאלט. גוב.): אונזער "חברה צו שטיצען יודישע אָרימע לייט", מיט וועלכער "דער יוד" האָט פֿאָרינעס יאָהר בעקאַנט די לעזער, האָט היינטיגען 1-טען יאַנואַר געענדיגט איהר צווייטעס יאָהר און ניט גאָר שלעכט, האָטש פֿיעל פֿון אירע מיטגליעדער זענען אויף דעם צווייטען יאָהר אַרויסגעטרעטען פֿון חברה. נאָר אַ דאַנק די נעעהרטע מיטגליעדער פֿון אונזער חברה וואָס רופֿען זיך שטענדיג אָן אויף יעדע צדקה זאַך, ה״ה י״ד בערמאַן און א. גערשאנימוס און נאָך איניגע פֿון דער פֿערוואַלטונג, האָט די חברה געלונגען ענדיגען איהר יאָהר מיט אַזאַ רעכנונג, מיט וועלכער מיר דאַרפֿען זיך ניט שעמען. די הכנסה איז געוועזען 8751 רובל 57 קאָפּ. און די הוצאה 8523 רובל 21 קאָפּ. אויף היינטיגס יאָהר איז געבליבען אין קאָסע 228 רובל 36 קאָפּ.

מיט די 8523 רובל 21 קאָפּ. האָט די חברה געהאָלפֿען פֿיעל אָרימע לייט, פֿיעל געפֿאַלענע בעלי בתים אין דער נויט, קראַנקע און אויך אויף צו לערנען אָרימע קינדער. אויסער דעם האָט דער קאָמיטעט געמאַכט וויכטיגע אָרדענונגען אין אַלע עניני הצדקה ווי למשל אין דעם "מעות־חטים", נאָר נאָך מעהר וואָלט דער קאָמיטעט געקאָנט טהון, ווען די גאַנצע שטאָדט זאָל מיטפֿיהלען דעם גרויסען ענין פֿון צדקה מיט אָרדענונג. צום בעדויערען אָבער שטעהט נאָך איצט אַ האַלבע שטאָדט פֿון דער ווייטענס, ניט נעמענדיג קיין אַנטהייל אין דער צדקה חברה.

— אין גיכען וועט אויסגעפֿיהרט ווערען דער גוטער רעיון פֿון דעם ראַבינער ד״ר יעקב שעפּטיל (דער ראש פֿון דער חברה) צו גרינדען אַ קאָלאָניע נעבען דער שטאָדט פֿאַר 15 יודישע פֿאַמיליעס. אויף די ביטשריפֿט וואָס דער קאָמיטעט האָט ניט לאַנג דערלאַנגט אין שטאָדט־פֿערוואַלטונג (אופּראַווע), מען זאָל שענקען אויף דעם 60 דעסיאַטין ערד, האָט די שטאָדט־פֿערוואַלטונג אויסגעקליבען אַ בעזונדער קאָמיסיע פֿון אירע מיטגליעדער צו אונטערזוכען די נייטהיגע ערד. ווען די שטאָדט פֿערוואַלטונג בעשטימט נור צו ליעב דעם צוועק גוטע ערד, וועט אין מיטלען ניט זיין קיין מניעה אויף אויסצופֿיהרען דעם פּלאַן, דען אויסער די 750 רובל וועלכע ד״ר שעפּטיל האָט שוין בעקומען (פֿון באַראָנעסע קלארא לאזאראוונא גינצבורג: 500 רובל — לעוו בראדסקי 100 ר. — דוד מארגאלין 100 ר. און מאיר גרעבין 50 רובל) געפֿינט זיך ביים יונגען באַראָן וולאדימיר גינצבורג 200 רובל, וועלכע זיין שוויגערמוטער שרה בראדסקע האָט געשענקט צו דעם צוועק, און 500 רובל האָט צוגעזאָגט ה. קלונימוס זאב וויסאָצקי. אויסער דעם האָט פֿערזיכערט דער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס קאָמיטעט אין פּעטערסבורג געבען היבשע שטיצונג אויף דעם ענין. צום בעוואונדערען זענען איניגע מיטגליעדער פֿון אונזער חברה דערוויייל דאַגעגען פֿון דער קאָלאָניע און ראַטהען בעסער איינצופֿיהרען היימישע מלאכות, ווי שטריקדרעהען, קערב פֿלעכטען וכדומה.

— דורך דער אינציאַטיווע פֿון ה׳ יעקב דוד בערמאַן האָט זיך דאָ געגרינדעט אַ מושב זקנים אין דעם "הכנסת אורחים" הויז, וועלכען דער קאָמיטעט האַלט אויס מיט אַלעם נייטהיגען.

— פֿאַר די הונגעריגע אין בעסאַראַביען איז דאָ צוזאַמענגעקליבען געוואָרען אין די בתי מדרשים פֿון עליות מיט נדרים (דורך דער שתדלנות פֿון די היגע ציוניסטען) ביז 150 רובל, אויסער דעם איז פֿון שטאָדט אוועקגעשיקט געוואָרען 50 רובל.

**אַ חובב ציון פֿון הייסין** (פּאד. גוב.): דער טאַלנער רבי מיט זיינע מענשען (אפילו מיט זיין קארעטע און פֿערד) זענען געקומען צו אונז צו גאַסט און האָט זיך דאָ פֿערזאַמט צוויי וואָכען. אין אַלע שטעדטליך אַרום אונז האָבען זיינע אַגענטען צושריעבען די טייערע בשורה און עס האָט טאַקע געווירקט: יעדען טאָג זענען אָנגעקומען געפּאַקטע פֿוהרען מיט ווייבער און קינדער צו "פּראַווען זיך" ביים צדיק און איהם מהנה זיין מיט אַ מטבע. ביי די חסידים איז די גאַנצע צוויי וואָכען געוועזען יום טוב, אַלע פֿון גרויס ביז קליין, פֿון אָרים ביז רייך, זענען געגאַנגען אָנגעטהון אין די שבת׳דיגע קאַפּאָטעס, יעדער האָט דעם רבין געבעטען צו זיך אין הויז אַריין, אפילו גאָר געמיינע לייט האָבען איהם אויך מהנה געוועזען, ווער מיט

אַ רובל און ווער מיט צוויי רובל. דער סוף איז געווען אַז דער רבי האָט פֿון אונזער שטאָדט אַרויסגעפֿיהרט בערך 15 טויזענד רובל. פֿון אונז איז ער אָבגעפֿאָהרען קיין טאַלטשין און פֿון דאָרט ווייטער און ווייטער אין די יודישע שטעדטליך, און איך קען אייך פֿערזיכערען אַז ער וועט זיינע הוצאות אויסשלאָגען און לײדיג ניט אַוועקפֿאָהרען, האָטש אַ צעהנטע הלק וואָס דער רבי קאָסט זאָלען די שטעדטליך שיקען פֿאַר די הונגעריגע אין בעסאַראַביען.

אונזער שטאָדט האָט פֿאַר די אומגליקליכע עד היום קיין קאָפּיקע ניט געשיקט, חאָטש איניגע מענשען האָבען געטהון דערצו אַלע מיטלען, מען האָט אויפֿגעקלעבט גרויסע מודעות אין די בתי מדרשים, אין וועלכע מען האָט בעשריעבען דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט געטראָפֿען אונזערע ברידער דאָרט און עס איז אין קול ואין עונה, קיינער ריהרט זיך נישט אפילו מיט אַ פרוטה של נחושת.

פּ ע נ ח פֿון ר אַ ד אָ מ י ס ל (קיעוו. גוב.): אונזערע ציוניסטען האָבען דעם 11-טען אַפּריל געעפֿענט אַ שולע, פֿאַר די שולע ווערט נור געצאָהלט 1 רובל אַ חודש. אין דער שולע ווערט געלערענט תנ"ך, דקדוק, יודישע היסטאָריע, אויך רוסיש און חשבון. ביז יעצט געפֿינען זיך 40 קינדער.

N. N.

פֿון ח ע ל ם (לובל. גוב.): אונזערע פֿרומאַקעס זענען ניט צופֿריעדען מיט די ציוניסטישע שולען און ביבליאָטהעקען, וואו מען לערענט העברעאיש, געשיכטע און מען לעזט ביכער. מען מאַכט יודישע קינדער פֿאַר אפיקורסים, זאָגען זיי. זייער גרויסע שנאה צו די ציוניסטען האָבען זיי אַרויסגעוויזען, ווען עס איז קיין חעלם אַראָבגעקומען אַ מגיד, וואָס האָט געוואָלט האַלטען ציוניסטישע דרשות. פֿריהער פֿאַר אַלעמען האָבען זיי פֿערלאַנגט פֿון מגיד, ער זאָל דערויף נעמען אַ הכשר פֿון אונזערע רבנים... פֿערשטעהט זיך, אַז אַ הכשר אויף ציון איז שווער צו בעקומען ביי די רבנים. די ציוניסטען האָבען געהייסען זאָגען דעם מגיד אָהן אַ הכשר, דאָ האָבען זיך די חסידים אַרויסגעוויזען מיט זייער גאַנצען פֿאַנאַטיזם און האָבען אין מקום קדוש פֿערוואָרפֿען דעם מגיד מיט שטיינער אַזוי אַז די פּאָליציי האָט זיך דאָ געמוזט אַריינמישען...

ווע־לען אפשר די רבנים וואָס שטעהן אין פֿערבינדונג מיט דער "לשכה השחורה" זיך אָננעמען פֿאַר דעם כבוד פֿון חלול השם צו מאַכען אַזוינע סקאַנדאַלען אין אַ מקום קדוש?

## פּראָבען צו קאָלאָניזירען די רומענישע יודען. *)

אין די צייטונגען שרייבט מען אָפֿט וועגען פּראָבען צו מאַכען רומענישע יודען פֿאַר ערדאַרבייטער. עס איז דערום אינטערעסאַנט צו ברענגען איניגע יְדִיעוֹת, וועגען דעם עִנְיָן וועלכע איך האָב בעקומען מיט איניגע חֳדָשִׁים צוריק זייענדיג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט דעלעגאַטען פֿון 4 רומענישע עמיגראַציאָנס־חֶבְרוֹת פֿון די שטעדט ט ו ל ט ש אַ, י אַ ס ס י, ב ו ז אַ און פֿ אָ ק ש אַ נ י. דער דעלעגאַט פֿון י אַ ס ס י האָט, בְּעֵת איך בין געוועזען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בעקומען איין ערלויבעניש צו גרינדען אין קליינאַזיען אַ קאָלאָניע פֿאַר 500 פֿאַמיליעס. פֿאַר די עמיגראַנטען פֿון טולטשאַ האָט מען שוין אָבגעטהיילט ערד' און איניגע פֿון זיי זענען שוין געוועזען אויף דעם אָרט. די איבעריגע 2 דעלעגאַטען האָבען זיך נישט לאַנג אָנגעהויבען צו סטאַרען' און געהאַט האָפֿנונג אַז זייער בַּקָשָׁה וועט אָנגענומען ווערען. איך האָב פֿיעל פֿערבראַכט מיט די רומענישע דעלעגאַטען, און בעזאָנדערס מיט דעם טולטשער דעלעגאַט ה' ש ו ו אַ ר ץ. ער איז אַ ווייניג געבילדעטער, נאָר אַ גוטער און ענערגישער מענש. ער האָט אַ פָּנִים אויפֿגעוועקט די רומענער יודען, זיי זאָלען אויסוואַנדערן קיין קליינאַזיען.

אַ פּאָר יאָהר צוריק איז ה' שוואַרץ אויסגעקומען צו וואָהנען אין קליינאַזיען און צו בעקענען זיך מיט דעם לאַנד, וועלכעס איז גרויס און ברייט, נאָר האָט ווייניג איינוואָהנער. קומענדיג נאָכהער קיין רומעניען און צוזעהענדיג די אָרימקייט און ענגשאַפֿט צווישען די יודען, וועלכע האָבען געמוזט, איבער דעם נייען געזעץ, אַרויסקלייבען זיך פֿון די דערפֿער אין די שטעדט, האָט ער זיי פֿאָרגעלעגט אויס צו וואַנדערן קיין קליינאַזיען, וואו עס איז דאָ גענוג לעדיגע און פֿרוכטבאַרע ערד. 40 פֿאַמיליעס האָבען פֿערקויפֿט אַלץ וואָס זיי האָבען געקאָנט, און אַרויסגעפֿאָהרען אין חודש נאָוועמבער פֿון ט ו ל ט ש אַ מיט זעהר ווייניג געלד אין קעשענע. באַלד די ערשטע צייט האָבען די עמיגראַנטען אין זייער נייער היים געמוזט אָנקומען צו פֿרעמדע שטיצע.

וואָס שוואַרץ דערצעהלט, אַז די טערקישע רעגיערונג איז גוט צו יודען — איז נישט אויסגעטראַכט. די עמיגראַנטען האָט מען געגעבען אין דער שטאָדט אַ נ ג אָ ר אַ 18 וואָהנונגען, וועלכע געהערען צו דער מֶמְשָׁלָה, און די ערשטע צייט האָט מען זיי אויך געגעבען שטיצע מיט עפּיס געלד. נאָך 2 מאָנאַטען האָט שוואַרץ געפּועל'ט מען זאָל געבען די עמיגראַנטען אַ שטיק ערד פֿון 2000 העקטאַר, וועלכע איז גענוג פֿאַר 100 פֿאַמיליעס, און ליעגט 14 שטונדען רייזע פער אייזענבאַהן פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און 2 שטונדען פֿון דער באַהנסטאַציאָן. די עמיגראַנטען זענען אַרויס געפֿאָהרען פֿון שטאָדט, געלאָזט אויף דערווייל די ווייבער און קינדער אין אַ דאָרף פֿון באָסניאַקעס, און געקומען אויף זייער אָרט, וואו זיי האָבען געהאָפֿט צו לעבען רוהיג און שטיל. וואַרטענדיג אויף וועסנאַ־צייט האָבען די נייע קאָלאָניסטען דערווייל אָנגעגרייט בויהאָליץ אויף הייזער פֿון דעם וואַלד וועלכען מען האָט זיי אָבגעטהיילט. די רעגירונג האָט געגעבען אַ בעפֿעהל מען זאָל זיי געבען זריעה: ווייץ, גערשטען און קוקורוזאַ, און קויפֿען פֿאַר זיי 50 פּאָר אָקסען. די נייטהיגע כּלים צו דער אַרבייט האָבען די קאָלאָניסטען בעקומען אויף באָרג מיט הילף פֿון דער אַדמיניסטראַציאָן פֿון דער דאָרטיגער אייזענבאַהן. אויסער דעם האָבען זיי בעקומען גענוג קוקורוזאַ צום לעבען ביז דעם ערשטען אוראַזשאַי (ערנטע).

מיט איין וואָרט — די רומענישע עמיגראַנטען האָט מען זעהר שען צוגענומען אין קליינאַזיען; מען האָט זיי אַפְּנִים געהאַלטען פֿאַר טויגליך זיך צו בעזעצען אין קליינאַזיען, וואו די טערקישע רעגיערונג איז זיך יעצט שטאַרק מִתְעַסֵק מיט קאָלאָניזאַציע. די קאָלאָניסטען האָבען געליטען ניט ווייניג צָרוֹת אויך. זיי האָבען געלעבט פֿון בלויז קוקורוזאַ, געוואָהנט אונטערן פֿרייען הימעל צוגרייטענדיג בויהאָליץ אויף הייזער. שוואַרץ'ס אַרבייט: צו וועקען בַּעֲלֵי־צְדָקָה זיי זאָלען איהם קומען צו הילף איז געווען אומזיסט. עס איז געווען אינטערעסאַנט ווי ה' שוואַרץ איז געוואָרען אויסער זיך, הערענדיג אַז איבער די גרויסע שנייען האָבען די קאָלאָניסטען געמוזט אַוועקלעגען די אַרבייט, און אַז זיי זענען שטאַרק אָבגעשוואַכט פֿון קעלט און הונגער. מען דערצעהלט, אַז שוואַרץ איז פֿון צרות און זאָרג וועגען זיינע קאָלאָניסטען געוואָרען אין אַ פּאָר חדשים גרוי און אַלט.

מיך האָט אינטערעסירט צו וויסען, אויב די רומענישע קאָלאָניסטען האָבען עפּיס אַ ידיעה אין ערדאַרבייט; איך האָב וועגען דעם געפֿרעגט ה' שוואַרץ, נאָר ער האָט מיר געענטפֿערט מיט אַ זיפֿץ: איז דען דאָ א י י ן אַרבייט, וועלכע אַ יוד זאָל נישט קענען, ווען ער דאַרף פַּרְנָסָה פֿאַר ווייב און קינדער?". פֿון די שַׁאֲלוֹת וועלכע עס האָט מיך געפֿרעגט איין אַנדערער רומענישער יוד, וואָס האָט זיך אויך געוואָלט בעזעצען אין קליינאַזיען, האָב איך פֿערשטאַנען ווי רויה זיי זענען אַלע אין דעם ענין.

איך האָף אין קורצען צו בעקומען יְדִיעוֹת וואָס עס איז ווייטער געשעהען מיט די רומענישע קאָלאָניסטען, נאָר פֿון דעם וואָס איך האָב דערצעהלט, קען מען אַרויסזעהען, אַז די קאָלאָניזאַציע אין קליינאַזיען ווערט געפֿיהרט אָהן אַ שום פּלאַן און אָהן אַ שום סֵדֶר. די קאָלאָניסטען פֿערשטעהען נישט זייער פֿאַך און האָבען נישט קיין רעכטען פֿיהרער און וועגווייזער. קליינאַזיען אָבער איז גענוג גרויס אויפֿצונעהמען אין זיך פֿיעל קאָלאָניסטען און צו געבען זיי ברויט מיט דעם פֿולען מויל. אין דעם לאַנד וואַקסען די בעסטע תבואות, גוטע וויינטרויבען און פֿיינסטע דרום — פֿרוכטען; דאָרט ווערען געהאָדעוועט די בעריהמטע אַנגאָרישע ציעגען וועלכע גיבען די טייערסטע וואָל. אֶמת, עס טרעפֿען זיך ערטער, וואו עס איז דאָ פֿיעבער, און צווישען די פֿריעדליכע און רוהיגע טערקען וואָהנען אויך אַרמענער און גריעכען. נאָר די עמיגראַנטען, וועלכער ווילען זיך יעצט בעזעצען אין קליינאַזיען, ווע־לען קענען בעקומען ערד וואו זיי וועט געפֿעלען, אונ אַפּנים די רומענישע דעלעגאַטען האָבען אויך אויסגעקליבען אַ גוט אָרט. יעדענפֿאַלס, ווען די יודישע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפֿט וואָלט קומען ביי־צייטען צו הילף די עמיגראַנטען, וואָלט מען קענען איינריכטען ווי געהעריג די נייע קאָלאָניעס אין קליינאַזיען.

א. זוסמאַן.

*) „וואסחאד" N 31

# די יודישע וועלט

**עסטרייך.** **אסיפה פון גאליצישע קהלות אין לעמבערג.** דעם 1 און 2 מאי איז אין לעמבערג געווען איין אסיפה פון גאליצישע קהלות אויף וועלכע עס זענען וויכטיגע אנטרעגע געשטעלט געווארען. פערטרעטען זענען געווען דורך דעלעגאטען 40 געמיינדען; פון לעמבערגער געמיינדע אליין זענען געווען 30 טהיילנעהמער אין דער אסיפה. די וויכטיגסטע פונקטען וועלכע זענען בעשלאסען געווארען זענען: צו פערבעסערן די מאטריעלע לאגע פון גאליצישע יודען: 1) דורך פערברייטונג פון בילדונג, 2) דורך בעשאפען פון נייע מיטלען און וועגען אויף פרנסה, 3) דורך אונטערשטיצונג פון עמיגראציאן וועלכע האט נור דעם צוועק די עקאנאמישע לאגע צו פערבעסערן.

עס זענען אויף דער אסיפה אויך נאך אנדערע אנטרעגע געשטעלט געווארען, מייסטענטיילס פון **ציוניסטען**, ווי למשל, צו גרינדען א יודישעם גימנאזיום, צו פערמעהרען אין אלע שולען די שעות פון רעליגיאנס־אונטערריכט, צו פועל'ן ביי דער רעגירונג אז יודישע סוחרים וועלכע האלטען שבת זאלען מעגען האנדלען זונטאג, צו גרינדען א לעהרער סעמינאר פיר רעליגיאנסלעהרער א. דג"ל, וועלכע אנטרעגע זענען איבערגעגעבען געווארען בעזונדערע קאמיסיאנען. איבער דער אסיפה וועלכע רופט זיך די "2 אסיפה פון גאליצישע קהלות" (די ערשטע איז געווען מיט 22 יאהר צוריק) וועלען מיר אין דער נעכסטער נומר אויספיהרליך שרייבען.

— אין וויען איז געווען א ליציטאציאן פון דער ביבלאטהעק פון דאן פעדרא דעם געוועזענעם קייזער פון בראזיליען. אין דער ביבלאטהעק זענען אויך געווען פיעל יודישע ספרים. ווי עס איז בעקאנט האט דאן פעדרא זיך אבגעגעבען מיט העברעאיש. ער האט אויך געשריעבען א בוך וועגען יודישע פאעזיע.

*

**רוסלאנד.** — **יודישע בעלי מלאכות אויסער דער טשערטא.** אין **"סין אטעצ"** איז געדרוקט א בריעף פון זיין ניזשני־נאווגאראדער קארעספאנדענט, פון וועלכען מען קען ארויסזעהען די לאגע פון יודישע בעלי מלאכות אויסער דער "טשערטא".

די ניזשני נאווגאראדער רעמעסלענ' אופראווע האט בעשלאסען אויסצושליסען פון צעך 5 יודישע בעלי־מלאכות, דערפאר, ווייל זיי פערנעהמען זיך נישט רעכט פלייסיג מיט זייער מלאכה. איבער דעם בעשלוס מוזען די 5 יודען ארויספאהרען פון ניזשני נאווגאראד אין לויף פון 7 טעג אין דער "טשערטא". די סבה פון דעם פסק איז א ביטע פון 83 קריסטליכע בעלי מלאכות, אז מען זאל "רייניגען" דעם צעך פון יודען, ווייל די יודען מאכען אלעס ביליג און לאזען זיי נישט גוט פערדיענען ביי די קונדען. די אופראווע האט זיך גענומען מיט חשק צו דער ארבייט, אנגעהויבען נאכצופארשען מיט וואס יעדער יודישער בעל מלאכה איז פערנומען דעם גאנצען טאג, און האט לעת־עתה אויסגעזוכט 5 יודישע בעלי־מלאכות, וועלכע זענען נישט פלייסיג אין זייער ארבייט און זיי ארויסגעווארפען פון צעך.

ווי עס איז בעקאנט איז דא אין ניזשני נאווגאראד א סך קריסטליכע בעלי מלאכות וועלכע האבען אייגענע מאגאזינען און פערנעהמען זיך מיט פערשיעדענע געשעפטען, אבער געגען זיי טהוט נאטירליך דער צעך גאר נישט.

אין פאריגען יאהר איז געווען געדרוקט אין דער צייטונג "ווראטש" א בריעף פון קיעווער דאקטוירים (צווישען זיי זענען געווען אויך קריסטען), אין וועלכען זיי זענען מודיע אז זיי מוזען זיך אבזאגען ווייטער אנצונעהמען אומזיסט קראנקע אין האספיטאל (אין לעצעבניצע) פון רויטען קרייץ־דערפאר, ווייל געגען די תקנות פון דער חברה, מאכט מען אין האספיטאל איין אונטערשיעד צווישען יודען און קריסטען דורך דעם וואס מען וויל די יודען נישט געבען אומזיסט קיין רפואות. די דאקטוירים האבען געבעטען מען זאל נישט מאכען דעם אונטערשיעד, נאר מען האט זייער ביטע נישט אנגענומען, און דערום האבען זיי געהאלטען פאר אונמעגליך ווייטער אנצונעהמען קראנקע אין אמבולאטאריום.

די ארדנונג עקזיסטירט אויך ווייטער אין קיעווער לעצעבניצע פון רויטען קרייץ. —

דעם 26 מערץ איז געווען אין קיעוו א לאטעריע־אלעגרי פאר דער חברה און לעצעבניצע פון רויטען קרייץ, און א מאסע יודען האבען געקויפט בילעטען. די הויפט־געווינסען זענען געווען זאכען וועלכע זענען געגעבען געווארען אלס נדבה פון יודען.

**די קאראבקע.** די קאראבקע ליעגט ווי א שווערער שטיין אויף די יודישע ארימע לייט. זיי צאהלען בלוט־יקרות און בעקומען ביינער פאר פלייש. אבער אויסער דעם וואס פון דער יודישער קאראבקע נעהמט מען אויף יודישע און אויך בכלל שטעדטישע הוצאות, לעקט אב פון איהר א פעטען ביין דער בעוואוסטער **בעל טאקסע.** דער **"יוזשני אבאזרעניע"** דערמאהנט, אז לויט קאנטראקט, וואס ווערט געשלאסען צווישען דער אופראווע און דעם בעל־טאקסע, טאר מען פאר כשר פלייש נישט נעהמען מעהר אלס 2 קאפ' אויף א פונט ווי פאר אנדער פלייש. לסוף ווייזט זיך אויס, אז יודיש פלייש קאסט כמעט דאפעלט, און עס איז דאביי האלב ביינער. געגען דעם איז דא איין מיטעל: אז די יודישע קהלה זאל אליין איבערנעהמען די קאראבקע. אין ראסטאוו־דאן האט מען שוין אזוי געמאכט און כשר פלייש איז טאקי ביליגער געווארען. עס איז א יושר אז אנדערע קהלות זאלען נאכטהון דער ראסטאווער קהלה און עסען פלייש אנשטאט ביינער.

— די יורשים פון **ישראל פאזנאנסקי** אין לאדז האבען מנדב געווען די דאזיגע סומען צום זכרון פון נפטר. די פרוי פון ה' י. פאזנאנסקי האט מנדב געווען 1) 200,000 רובעל אויף דעם שפיטאל, וועלכען איהר מאן האט אויסגעבויעט פאר זיין לעבען; 2) 20,000 ר' אויף דער לאדזער תלמוד־תורה; 3) 20,000 ר' אויף דעם פריוט פון יודישע קינפעטארענס; 4) 24,000 ר' אויף אויסצוהאלטען 4 בעטען אין דערמאהנטען שפיטאל. די יורשים האבען מנדב געווען: 1) 250,000 ר' אויף א קרן־קימת, וואס דער פראצענט דערפון זאל געהן צו שטיצען די ארבייטער און בעאמטע אין די פאבריקען פון דער פירמע י. ק. פאזנאנסקי. די שטיצע פון דעם פאנד וועט ווערען געגעבען אין דעם פאל ווען די פירמע איז אליין נישט מחויב צו געבען; 2) 10,000 רובעל אויף די קריסטליכע וואהלטהעטיגע געזעלשאפט; 3) 6,000 ר' פונאנדערצוטהיילען יודישע ארימע לייט; 4) 9,000 ר' צו מאכען וואסערלייטונג אויף דעם יודישען בית־עלמין; 5) 8,000 ר' אויף א סטיפענדיום (שטיצע) פאר 2 תלמידים אין לאדזער האנדעלסשולע, איינער א יוד און דער אנדערער א קריסט; 6) 50,000 ר' צו בויען איין אמבולאטאריום (לעטשניצע) נעבען יודישען שפיטאל פון י. פאזנאנסקי. 7) פערשיעדענע קלענערע נדבות, צוזאמען 8500 רובעל. אויסערדעם האט ה' ישראל פאזנאנסקי פאר דעם לעבען בעשטימט איין האלבען מיליאן רובעל אויף א נייע שטיפטונג וועלכע זאל הייסען: "די שטיפטונג פון ישראל פאזנאנסקי און זיין פרוי", און וועלכע וועט ווערען געגרינדעט נאכדעם ווי מען וועט בעקומען איין ערלויבניש פון דער רעגיערונג. דערווייל האבען די יורשים אוועקגעגעבען די רווחים פון דעם קאפיטאל 8,000 רובל, אויף פערשיעדענע צדקות.

— **דער אדעסער בית־יתומים.** דער אדעסער יודישער בית־יתומים האט ארויסגעגעבען א דין־וחשבון פאר 1899 יאהר. דאס יאהר איז אבגעשלאסען געווארען אהן א דעפיציט, ד. ה. די הוצאה איז נישט געווען גרעסער ווי די הכנסה.

ווי עס שטעהט אין דעם דין־וחשבון האט מען דאס יאהר זיך מעהר פערנומען מיט לערנען די קינדער פערשיעדענע מלאכות. די משגיחים פון דעם בית־יתומים האלטען מיט רעכט, אז דער חוב פון א בית יתומים, איז נישט נור צו פערזארגען די יתומים מיט עסען און קליידונג און לערנען זיי שרייבען און לייענען, נאר אויך צו מאכען זיי פאר פאלקאמענע מענשען זיי זאלען קענען עהרליך פערדיענען זייער ברויט. כדי אויסצופיהרען די זאך זענען געעפענט געווארען א בוכבינדעריי און א שוסטעריי, וואו עס לערנען זיך 25 יונגליך, א קלאס פון האנדארבייט פאר מיידליך; אויך איז איינגעריכטעט געווארען א לאנדווירטשאפטליכע פערמע, וואו עס לערנען 35 שילער ערדארבייט.

פאר א טהייל פון קרן קימת פון בית־יתומים איז געקויפט געווארען א הויז, און דאדורך וועט זיך פערגרעסערען די הכנסה פון דעם קאפיטאל אויף 1½ ביז 2 פראצענט. דער בית־יתומים האט א קרן־קימת פון 167,532 ר', און א רעזערוו־קאפיטאל צום קויפען א הויז 75,200 ר'. די הכנסה אין 1899 יאהר איז געווען 53,309 ר', אויף דעם בית־יתומים (200 קינדער) האט מען אויסגעגעבען 37,287 ר', ד. ה. 186,43 ר' אויף א שילער, אויף דער פערמע — 10,539 ר', ד. ה. ביי 35 שילער 301,12 ר' אויף יעדען. ווייל די הכנסה איז צו קליין האט מען געמוזט הונדערטער יתומים אבזאגען און נישט אריינגעהמען אין בית־יתומים.

— **דער הונגער.** דער **"בודושצנאסט"** שרייבט מען פון **קישינעוו**: "עס איז געקומען דער פריהלינג, און די ארימע לייט איז געווארען אביסיל גרינגער אויף דעם הארץ. עס איז אראב איין הוצאה: הייצען, און אויסערדעם קען מען לייכטער אויסוואנדערן זוכען פרנסה. די קינדער דערקוטשען נישט אזוי פיעל זיצענדיג אין שטוב און שרייענדיג מיט איין קול: ברויט! זיי לויפען ארום אין גאס און שפיעלענדיג פערגעסען זיי אן הונגער.

נאר ארויסחאפען זיך פון שטאדט איז אויך נישט פון די לייכטע זאכען. אונזערע יודען האלט מען שטרענג און מען לאזט זיי נישט ארויס אהן א פאס; נעהמענדיג א פאס מוז מען בעצאהלען פערשיעדענע צאהלונגען און פון וואנען זאלען אונזערע אויסגעהונגערטע פרנסה־יעגער נעהמען אויף אזעלכע הוצאות? אין **איזמאיל** האט דר. **אלענשטיין** געפועלט ביים גאראדסקאי גאלאווא אז מען זאל יעדען ארויסגעבען פעסער אהן א שום אבצאהל.

אין איזמאילער און אויך אין אנדערע אויעזדען פערגרעסערט זיך אלעמאל די צאהל פון די נויטבעדערפטיגע. נדבות קומט צו זעהר וועניג, און די קאמיטעטען מוזען טהון איינס פון די ביידע, אדער געבען ווייטער די זעלבע שטיצע ווי פריהער און דאן וועט קלעקען נור אויף א קורצע

צייט אָדער געבען ווייניגער. דער אָדעסער קאָמיטעט האָט בעשלאָסען צו געבען ווייניגער. דער קישינעווער קאָמיטעט אָבער גיט ווייטער דיזעלבע שטיצע, האָטש עס איז געבליעבען אין קאַסע נישט מעהר ווי 2100 רובעל.

דר. אלענשטיין אַרבייט זעהר פיעל. ער האָט איינגעריכטעט אַ קיך פאַר 200 קינדער, אין איזמאיל, און אויך אין לעאָווא. אַזאַ קיך האָט נעמאַכט דר. וועסטערמאַן אין סקוליאַני (בעסאַראַביען).

— סענאַטס ערקלערונגען. דער סענאַט האָט געפסקנט, אַז יודען מעגען זיך בעזעצען אויסער דער גרענעץ פון שטאָדט נאָך דעם 3־טען מאַי 1882, אויב דאָס שטעדטיל האָט אָבגעברענט און מען האָט די אָבגעברענטע געגעבען אַנדערע פלעצער אויסער דער שטאָדט.

דער סענאַט האָט ערקענט: 1) אַז די חופה וקדושין וועלכע געבען פריוואַט מענשען, און זענען נישט בעשטעטיגט פון דער גובערנסקער נאַטשאלסטווא, פון ראַבינער אָדער פון זיין בעהעלפער ווערען גערעכענט פאַר נישט־ריכטיגע. 2) אַז די חופה וקדושין ווערט אויך גערעכענט פאַר נישט־ריכטיג ביי פריוואַט מענשען און אויסגעדיענטע סאָלדאַטען, ווען עס געבען זיי יודישע סאָלדאַטען אויף דעם בעפעהל פון זייער נאַטשאלסטווא, ווייל די יודישע סאָלדאַטען האָבען דאָס רעכט צו געבען חופה וקידושין נור סאָלדאַטען וועלכע זענען נאָך אין דיענסט.

*

ענגלאנד. — דר. הערצל אין לאָנדאָן. דר. הערצל האָט פערבראַכט אייניגע טעג אין לאָנדאָן. דער ענגלישע ציוניסטישער פעראיין (English Zionist Federation) האָט געמאַכט איין אספה צוליעב איהם, און דר. הערצל האָט געהאַלטען אַ רעדע. ער האָט געזאָגט צווישען אַנדערעם: אַז ער קען נישט מודיע זיין קיין שום נייעס, ווייל עס זענען דאָ אַזעלכע זאַכען וועלכע מען קען נישט אַרויסזאָגען אָפען. ער קען נור פערזיכערען אַז בכלל האָט די ציוניסטישע בעוועגונג די בעסטע אויסזיכטען.

*

רומעניען. די אַנטיסעמיטען. "די עסטרייכישע וואָכענשריפט" ברענגט די סטאַטוטען פון אַ רומענישער אַנטיסעמיטישער חברה וועלכע האָט שוין פיעל אויפגעטהון אין רומעניען. מיר וועלען אַרויסנעהמען דאָ אייניגע פון זיי: ארט' 1. די חברה איז געגרינדעט געוואָרען דעם 8 נאָוו. 1895 אין בוקאַרעסט האָט אבטהיילונגען אין גאַנץ רומעניען און אויך פערבינדונגען מיט אַלע אַנטיסעמיטישע געזעלשאַפטען וועלכע עקזיסטירען אין אויסלאַנד.

ארט' 2. די חברה האָט זיך געשטעלט צום ציעל צו קעמפפען געגען יודען אויף אַלע ערלויבטע וועגען (און געגען יודען, זאָגט די עסטר. וואָכענשר., איז, נאַטירליך, אַלעס ערלויבט), און צו שיצען די רומענער געגען יודען, וועלכע זענען געפעהרליך פאַר דעם רומענישען פאָלק.

מחמת די יודען קענען זיך נישט אויסמישען מיט די לייבליכע רומענער, על כן מוז מען אַלעס טהון כדי די יודען זאָלען נישט בעקומען קיין פאָליטישע רעכטע. אַנווענדען אַלע מיטלען, אַז די יודען זאָלען נישט קענען אויסהאַלטען אין רומעניען און מוזען אַרויסוואַנדערן פון לאַנד.

ארט' 4. כדי צו קומען זיכערער צום ציעל וועט די גרינדונג פון דער חברה בלייבען בסוד, און אַלע מיטגליעדער מוזען שווערען זיי זאָלען נישט אויסגעבען די פראָיעקטען פון דער חברה און אויך די נעמען פון די מיטגליעדער.

ארט' 7. די חברה וועט צושפרייטען די אַנטיסעמיטישע אידעע דורך צייטונגען, אספות, ביכער א. ז. וו. און בעמיהען זיך צו שוועכען דעם איינפלוס פון יודען אין ענין מסחר און קרעדיט און אין דער פרעסע.

ארט' 21. צו פיהרען די געשעפטען פון דער חברה ווערט געמאַכט אַ קאָמיטעט וועלכער האָט דעם נאָמען "דער גרויסע אַנטיסעמיטישע ראַטה", און געפינט זיך אין בוקאַרעסט.

ארט' 70/71. יעדער רומענער, וועלכער וועט געבען דער חברה אַ מתנה פון 100—500 פראַנק בעקומט דאָס רעכט צו טראָגען דעם צייכען פון אַנטיסעמיטען־קאַוועלער־אָרדען. ווער עס וועט שענקען 500—1000 פראַנק בעקומט דאָס רעכט צו טראָגען דעם סען־מיכאַל אָרדען.

ווי עס איז מודיע דער קאָרעספאָנדענט פון דער עסטרייכישער וואָכענש' האָט דער גרויסער אַנטיסעמיטישער ראַטה זיין ארט אין מיניסטעריום פון אמונות און 3 מיניסטאָרען און נאָך גרויסע בעאַמטע זענען מיטגליעדער פון "ראַטה".

*

ארץ ישראל. די חברה יק"א אין ארץ־ישראל. ה' מאירסאָהן, דער שליח פון דער חברה יודישע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט אגראנאם ה' שליט און ה' בארביע בעקוקען יעדע קאָלאָניע בעזונדער. מען שטעלט ה' מאירסאָהן פאַר פערשיעדענע פראָיעקטען, נאָר ער קען נישט אננעהמען קיין שום פראָיעקט אָהן אַ פאָרהעריגע בעקלערונג אין פאַריזער קאָמיטעט.

בכלל ווייסט מען נאָך זעהר ווייניג, וואָס פאַר אַ נייעסען וועלען פאָרקומען אין דער לאַגע פון די קאָלאָניסטען, נאָר אייניגע פרטים האָבען זיך שוין יאָ אויפגעקלערט.

עס וועט ווערען פערקלענערט די אַדמיניסטראַציאָן פון די קאָלאָניעס; פיעל בעאַמטע האָבען זיך שוין אַליין אָבגעזאָגט, און עס וועלען נאָך בעאַמטע אַוועקגעהען.

מען רעכענט אַז עס וועט ווערען געמאַכט אין ראשון לציון אַ קאָמיטעט פון די קאָלאָניסטען אַליין. דאַדורך וועלען נישט נור די הוצאות פון דער אַדמיניסטראַציאָן פערקלענערט ווערען, נאָר די קאָלאָניעס וועלען אין גאַנצען בעקומען איין אַנדער פנים.

דער פלאַן פון צוקויפען פרישע ערד, איז לעת־עתה נישט אנגענומען געוואָרען, ווייל די ערד נעבען די קאָלאָניעס קאָסט זעהר טייער. אין פתח־תקוה אַליין איז בעשלאָסען געוואָרען פונאנדער צו טהיילען די פרייע ערד צווישען די קאָלאָניסטען.

וועגען דער פראגראמע פון דער חברה יק"א בנוגע צו די ארץ־ישראל קאָלאָניסטען וועט מען וויסען ריכטיג נאָכדעם, ווי ה' מאירסאהן וועט בעראַטהען מיט דעם פאַריזער קאָמיטעט.

רפעת פאשא האָט בעזוכט די קאָלאָניע "ראשון לציון" צוזאַמען מיט זיין איידעם. ה' מאירסאָהן און ה' חזן האָבען איהם אויפגענומען און געצייגט די מאַשינען און קעלערען. פון דאָרט זענען זיי געפאָהרען בעזוכען "מקוה ישראל".

אין ארץ ישראל פערגרעסערט זיך די פאַבריקאַציאָן פון דיוואַנעס. אין סינאַן איינו נעבען צעזאַרעאַ וועט ווערען געבויט אַ פאַרבעריי.

---

## אלגעמיינע וועלט נייעס.

רוסלאנד. אַ פאָלקס הויז אין אָדעס. די אָדעסער צייטונגען זענען מודיע, אַז עס איז דאָ אַ פראָיעקט צו מאַכען אין אָדעס איין "פאָלקס־הויז" פאַר דעם אָרימען קלאַס. אין דעם הויז קלערט מען איינצוריכטען איין אומזיסטע לעזעביבליאָטהעק, אַ טשאַיניא און אַ זאַל אויף פערזאַמלונגען, קאָנצערטען, לעקציעס א. ז. וו. כדי דער אָרימער קלאַס זאָל קענען דאָרט פערברענגען די צייט פרעהליך און ניצליך.

*

איטאליען. — אַ קאָנגרעס צו קעמפפען געגען סוחאָטע. אין נעאַפאָל איז געווען אַ קאָנגרעס צו בעקלערען מיטלען, ווי צו פערהיטען זיך פון סוחאָטע. ביי דעם עפענען פון קאָנגרעס זענען געווען דער איטאַליענישער קעניג מיט דער קעניגין, אַלע מיניסטאָרען און די גרעסטע אריסטאקראטיע. דער מיניסטער פון פאָלקסאויפקלערונג האָט געזאָגט אין זיין רעדע אַז דער חוב פון דער ממשלה איז צו קעמפפען מיט דעם שרעקליכען פיינד, מיט דער סוחאָטע, און צו דעם צוועק דאַרף מען אַרויסגעבען פערשיעדענע געזעצע כדי אָבצוהיטען דאָס געזונד פון די איינוואָהנער, און אויך איינריכטען ערטער (סאַנאַטאָריען) פאַר די קראַנקע. איטאַליען האָט אַ מעלה דאָס זי האָט זעהר אַגעזונדע לופט און דערום איז דאָרט ווייניגער שווינדזיכטיגע ווי אין אַנדערע לענדער. אין אייניגע רעפעראַטען איז בעוויזען געוואָרען די נייטיגקייט אַז די ממשלה אַליין זאָל טהון אַלעס מעגליכע צו פערהיטען פאַר אַנשטעקונג פון סוחאָטע. עס איז נישט אמת וואָס מען זאָגט, אַז אָרימע און רייכע ליידען גלייך פון דער דאָזיגער קראַנקהייט. די סטאַטיסטיק בעווייזט אַז אָרימע שטאַרבען בערך צעהן מאָל אַזוי פיעל פון שווינדזוכט ווי רייכע, און דאָס קומט דערפון וואָס אָרימע האָבען שלעכטע וואָהנונגען און שלעכט עסען. פאַבריקס אַרבייטער קרענקען מעהר אויף סוחאָטע ווי ערדאַרבייטער, ווייל די לעצטע אַרבייטען שטענדיג אויף דער לופט. אָרימקייט און סוחאָטע געהען שטענדיג צוזאַמען בחברותא, און די ממשלה דאַרף קעמפפען געגען דער קראַנקהייט מיט אַלע כחות.

פראָפ. צאראנעלי האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף פערהיטען פאַר אַנשטעקונג אויף די אייזענבאַהנען. פאַר די שווינדזיכטיגע דאַרפען זיין בעזאָנדערע וואַגאָנעס, וועלכע מוזען שטענדיג ווערען דעזינפעצירט און גערייניגט. אויף די וואקזאלען און סטאַציאָנען דאַרף ווערען פערבאָטען צו שפייען. קיין שום וואלענע אָדער פלושצייג דאַרף נישט זיין אויף די געזעסען פון די וואַגאָנעס און אַנשטאַט דעם צעראַטע אָדער לעדער, וואָס מע קען לייכט אָבוואַשען.

דער וואולקאַן וועזוב. דער וואולקאַן וועזוב, אין סיציליען, האָט אָנגעהויבען צו שפייען מיט פייער; ער וואַרפט אַרויס די ברענענדיגע מאַסע (לאָווא) אין אַ מרחק פון אַפאָר הונדערט מעטער אַרום. עס איז צושטערט געוואָרען אויף אַ באַהנסטאַציאָן אַ וואַגאָן, פערשיעדענע הייזליך א. ז. וו. אייניגע ענגלענדער זענען אָבגעבריהט געוואָרען און האַלטען ביי שטאַרבען.

*

טערקיי. — טערקישע פינאַנצען. ווי עס מעלדען די צייטונגען, זענען דעם 22 מערץ געקומען 220 ווייבער פון טערקישע בעאַמטע צום גרויסוויזיר און געמאָהנט פענסיע. זיי האָבען געזאָגט אַז זיי ליידען הונ־

גער און וועלען נישט אבטרעטען פון ארט, ביז מען וועט זיי געבען געלד. מען האט זיי געגעבען א קאנטא און צוגעזאגט אויסצוצאהלען דעם רעסט דעם צווייטען מאנאט.

א פראיעקט. ווי עס איז מודיע "די וועלט", האט דער סולטאן פארגעגעבען א פלאן צו בויען איין אייזענבאהן פון דמשק קיין מעקקא אויף די קאסטען פון דער טערקישער רעגיערונג.

*

טראנסוואאל. — פרייוויליגע קיין טראנסוואאל. פון פעטערסבורג איז די טעג ארויסגעפאהרען א פארטיע פרייוויליגע קיין טראנסוואאל כדי איינצוטרעטען אין דעם חיל פון די בורען און מלחמה צו האלטען געגען די ענגלענדער. אין דער שטאדט אראל האט מען צוזאמענגעקליבען נדבות פאר זיי 12,000 ר' און דער גייסטליכער יואן קראנשטאדסקי האט זיי געגעבען זיין ברכה אויף דעם וועג.

אמעריקא. — א שרפה. אין אטטאווא, הויפטשטאדט פון קאנאדא, איז געווען א שרעקליכע שרפה פון וועלכער ס'איז געווארען אבגעברענט דער גרעסטער טהייל שטאדט און פארשטעדט צוזאמען מיט פיעל פאבריקען. די שטאדט אטטאווא פיהרט גרויסע געשעפטען מיט האלץ, וועלכעס ווערט געבראכט פון די וואלדיגע געגענדען אין צפון־אמעריקא און בעארבעט אין די דארטיגע זעגעמיהלען און פאבריקען. וועגען ביליגקייט פון האלץ זענען דארט פיעל געביידען געבויעט פון האלץ און דערום האט זיך דאס פייער געשווינד צו שפרייט אין אלע עקען שטאדט. זייט די שרפה אין צשיקאגא איז נאך אין אמעריקא נישט געווען אזא גרויסע שרפה. דער שאדען בעטרעפט מיליאנען דאלאר. מען זאגט אז דאס פייער איז געווען אונטערגעלעגט פון די אירלאנדישע ארבייטער, וועלכע ווערען שלעכט בעהאנדעלט פון די פאבריקען.

---

## נאכט־געדאנקען.

אין דער שטילער נאכט
ליג איך וואך און קלעהר;
אויף מיין פנים בלאס
פאלט א הייסע טרעהר...

און איך ליג און קלעהר
פון א צייט — וואס לאנג
קלינגט אין הארצען מיר,
ווי איין אלט געזאנג

פון די קינדער־צייט...
אה, צי ווייסט איהר ווער,
וואס בעטייט און זאגט
זי, מיין הייסע טרעהר?

פרעגט דעם שטערן דארט,
יענע העלע פלאם,
וואס בעלייכט, בעהעלט,
מיינע הערצענס־גראם...

פרעגט די גאלדנע זאנג,
וועם איך האב פערטרויט
אפט מיין שמערץ, וואס איז
ביטער ווי דער טויט...

פרעגט דאס יונגע הארץ...
אפשר וועלען זיי
אויסדערצעהלען אייך
פון מיין אלטען וועה...

*

אין דער שטילער נאכט
ליג איך וואך און קלעהר;
אויף מיין פנים בלאס
פאלט א הייסע טרעהר...

פון א נעביל שווארץ,
שטיינט מיר אויף א בילד:
עלענד, טרויעריג
און פערלאזען — ווילד,—

אהן א העלען שטראהל,
אהן א זונען־שיין...
איך דערקען, דערקען
דיך, דו קינדהייט מיין!

פון א נעביל שווארץ
שטייגסטו אויף פאר מיר...
אין מיין שווערען פיין
רוף איך אפט צו דיר!

איך בעדויער נישט,
וואס פערפלויגען ווילד
ביזטו, ווי ארויך,
ווי א שאטען־בילד;

וועניג גוטעס, אה,
האסט געגעבען מיר,
עס זאל ציהען מיך
אזוי שטארק צו דיר!

עס זאל ציהען מיך
מיט א שטארקער מאכט
פון מיין פיין צו דיר
פון מיין לעבענס־נאכט...

נישט פאר מיר געבליהט
האט דיין גריגער בוים;
נישט געשפיגעלט זיך
אין מיין קינדהייטס־טרוים...

נישט פאר מיר געשיינט
האט דיין שטערן הויך;
נאר געפונקעלט קאלט,
אהנע לעבען בלייך...

נישט א יודיש קינד
פיהלט דיין רייץ, דיין פראכט
און דיין גאלדנעם שטראהל,
וועלכער װארעמט, לאכט...

נישט א יודיש קינד
איינגעבויגען־מיעד
ווייסט צו זינגען דיר
ווען פון ליעב א ליעד;

און פון בלומען, וואס
בלייבען איבריג גאנץ,
נישט ער פלעכטען וועט
דיר פון זיי א קראנץ...

אה, ווי קומט עס גאר
צו איהם אט די טרייסט
וויסען וואס אזוינס,
וואס א "קינדהייט" הייסט?

אה, ווי קומט צו איהם
וויסען וואס בעטייט:
יונגע מענשענשטאלץ,
מוטה און דרייסטיגקייט?

אויף די פלייצעס ווערט
איהם שוין יונגערהייט
באלד ארויפגעלעגט
יענע יאושקייט,

וואס מאכט אייזיג־קאלט
ס'יונגע הארץ... און טויט
אב די האפענונג
פון די שווערע נויט...

אה, צו וואס, צו וואס,
זעהט, ערקלעהרט מיר ווער,
דארף דאס יונגע קינד
וויסען פון דער טרעהר;

פון דער יאוש־טרעהר?...
אבצוטויטען איהם
יעדען העלען שטראהל,
יעדע פריהלינגס־בלום...

*

איך בעדויער נישט
וואס פערפלויגען ווילד,
ביזטו, קינדהייט, מיר
ווי א שאטען־בילד, —

איך בעדויער נור
וואס געלאזען מיר
האסטו יאוש, אה,
יאוש — אן א שעור...

אה, ווי וואלט איך אויך
יעצט א "העלד" געווען
נאר צו שפעט האב איך
מיך ארומגעזעהן!

י. י. פראפוס.

# א בלעטיל פון מיינע קינדהייט־זכרונות.

די קנאבעליפקער שקצים׳ליך האב איך נור געקענט פון דערווייטען. איך האב געוואוסט, דאס זיי וואהנען אין קליינע מיט שטרוי געדעקטע הייזליך הינטער דעם שטעדטיל: איך פלעג זיי זעהן טרייבען מיט א לאנגער רוט אין דער האנד א חזיר אדער א ביקיל אויף דעם יריד פערקויפען, אדער ווינטער שעות לאנג גליטשען זיך אויף דעם טייך. איך האב וועגען זיי געוואוסט דאס קיין תורה און מצות האבען זיי ניט, קיין עול אויף זיך טראגען זיי ניט און לעבען נור ווי זייער הארץ גלוסט — מיט אייןווארט איך האב געוואוסט אז דאס זענען „שקצים" און האב זיי — אזוי ווי אלע מיינע חברים — נור געקאנט פעראכטען. ווען דער רבי האט וועמען פון אונז אנגערופען „שקץ", האט ער איהם דערמיט דעם גרעסטען בזיון אנגעטהון. דאס האט גדויערט ביז דעם ניינטען יאהר פון מיין לעבען. דאמאלס האב איך געהאט מיין ערשטע נאהנטע בעגעגניש מיט די „שקצים".

דאס איז געווען ל"ג בעומר, דער רבי האט געפיהרט אונזער חדר אין וואלד אריין, ווארום מיר זענען געווען שוין ג ר ו י ס ע יונגליך — ניט אזוי נאך אונזער יאהרען ווי נאך אונזער רבין, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע מלמדים אין שטעדטיל — און אונז האט אויך ניט געפאסט פיהרען אויף דעם ג ר י נ ע ס ארגאן אדער אונטער דעם פלויט פון דעם בית־עלמין וואו עס איז אויך געווען א ג ר י נ ע ס שטיק ערד, דער רעכטער הויכער ברעג פון קנאבעליפקער טייך, וואוהין עס פיהרען זייערע חדרים דרדקי־און אזוי קליינע מלמדים; אויסער דעם ווי גרויסע יונגליך האבען מיר שוין באדארפט אויך עפיס שענער פייערען דעם יום־טוב. איין טאג איז געווען א וואונדערבארער, איינער פון די שענסטע, ליכטיגסטע פריהלינגס טעג מיט זיין בלאהען הימעל, וועלכער האט זיך צושפרייט הויך איבער אונזערע קעפ. ווי מיר זענען נור ארויס פון דעם שטעדטיל און עס האט אונז א בלאז געגעבען אין פנים א פריש, שמעקעדיג ווינדטיל פון די בעוואקסענע פעלדער, וועלכע האבען זיך ברייט צושפרייט ארום־און־ארום, און זיך צולאפען פאר אונז אין אלע זייטען און אין ערגייץ זיך ניט געענדיגט — האבען זיך אונזערע הערצער אין אונז צושפיעלט: מיר האבען פלוצים דערשפירט אין זיך א בעדערפעניש זיך צו בעוועגען, שפרינגען, לויפען, שלאגען זיך און שרייען, מיר האבען פערגעסען אן דעם גאנצען סטאט, וועלכען אזוינע גרויסע יונגליך ווי מיר דארפען אבהיטען. נאר דא האט אונז אונזער רבי אבגעשטעלט מיט די ווערטער:

— איך האב אייך מיטגענומען אין וואלד אריין נור דערפאר וואס איך האב אייך גערעכענט פאר לייטישע יונגליך; זעהט־זשע איך זאל אייך ניט אומקעהרען צוריק אהיים. דעם רבינס רייד האבען אונז געצוואונגען זיך איינצוהאלטען. מיר זענען געגאנגען מיט סטאט, ניט איילענדיג, ווי אין גאס פון אונזער שטעדטיל, און האבען, אונטער דער השגחה פון אונזער רבי׳ן זיך ניט דערוועגט ארויסצווייזען אונזערע געפיהלען, נאר פון דעסטוועגען האבען די געפיהלען, מיט וועלכע עס זענען פול געווען די הערצליך, אונז פרעהליך און גליקליך געמאכט. נאר פלוצים האט אונזער רבי, וועלכער האט כמעט די גאנצע צייט געשוויגען, זיך געווענדט צו אונז.

— איהר, קינדער, געהט שטילער, גאר שטיל, אויב ניט... איהר זעהט אט דארטען האבען שקצים א טשערעדע, זיי זאלען נאך אויף אונז ניט ווילען אנפאלען... — האט ער אונז געזאגט — געהט זשע נור שטיל, אזוי אז מען זאל אייך נאר ניט הערען.

מיר זענען מיט אמאל געווארען אומרוהיג, ביז אהער אזוינע פרייע, פרעהליכע זענען מיר פלוצים געווארען אומעטיגע: אונזער רבינ׳ס פחד איז איבערגעגאנגען צו אונז, און מיר האבען אנגעהויבען זיך אומקוקען מיט מורא אין דער זייט, וואו מיר האבען געזעהן איין טשערעדע און עטליכע פויערשע יונגליך. פון דעסטוועגען זענען מיר געגאנגען ווייטער, צו דעם וואלד איז אונז נאך געבליבען א האלבער ווארסט וועג. די פאסטוכער זענען אויסגעקומען ביי אונז פון דער זייט, און וואס ווייטער מיר זענען געגאנגען, האבען זיי אונז מעהר ארויסגעזעהן. דעם רבינ׳ס פחד און מורא זענען, ווי מיר האבען זיך געשטויסען, געוואקסען. מיר האבען איינגעהערט ווי ער האט צו זיך אליין געזאגט: „ווי פיעל זיי זענען! און דא זעהט מען ניט קיינעם, ניט בערל׳ען, ניט מיכאל׳ען, ווי עס ווייזט אויס זענען זיי שוין איבערגעגאנגען". זעהענדיג אזא פחד ביי אונזער רבי׳ן האבען מיר זיך איבערגעשראקען אויף טויט; מיר האבען זיך אנגעהויבען שטופען איינער צום צווייטען, מיר האבען מיט פערצווייפלונג אריינגעקוקט אונזער רבי׳ן אין זיין פינסטער פנים און זענען גרייט געווען צוויינען זיך. נאר מיר זענען איבערגעגאנגען פאר די פאסטוכער בשלום: זיי האבען אפילו געקוקט צו אונז, נאר פון זייער ארט האבען זיי זיך גיט גערידהרט; אט האבען מיר זיי שוין איבערגעלאזט הונטער זיך, מיט מורא זיך אומקוקענדיג, אט זעגען מיר שוין אין גאנצען ארויס פון סכנה, און פאר אונז איז דער וואלד אזוי נאהנט, דאס, עס דאכט זיך, אין עטליכע מינוט וועלען מיר איהם עררייכען. מיר זענען לעבעדיגער געווארען און מיר האבען אנגעהויבען ריידען — די לעצטע פערטיל שעה זענען מיר געגאנגען געשווינד און שווייגענד, ניט קענענדיג מחמת מורא איינער דעם צווייטען א ווארט זאגען. — גערעדט האבען מיר, פערשטעהט זיך, פון דער פערגאנגענער סכנה. איך האב זיך גערעכענט פאר דעם געזינדסטען צווישען מיינע חברים אין הדר, און דא האט מיר איינער מיינער א חבר געזאגט:

— ווי מיינסטו, מאיר, ווען ז י י זאל זיך געווען פארגלוסטען אנפאלען אויף אונז, וואלסטו זיי געוויזען וואס פאר א קולאק דו האסט. וואלטען זיי געוואוסט! ווען דו שלאגסט טהוט דאך אזוי וועה!" און מיין חבר, וועלכער איז געווען דער שלאפסטער ביי אונז אין הדר, האט מיט גוואלד ביי די רייד א שמייכעל געטהון.

— נאך ווי אזוי! זיי וואלטען געוואוסט! — האב איך געענטפערט אויך מיט א שמייכעל, א טרעסיל געבענדיג מיט דעם קעפיל און מאכענדיג א קולאק.

אונזער רבי האט פינסטער געקוקט, געשוויגען. צום וואלד איז געווען פיעל ווייטער ווי אונז האט זיך געדאכט, און מיר זענען צו איהם צו געקומען אלע שטארק מיעד. מיר האבען זיך אויסגעזעצט ביי דעם שמאלען גראבען, וועלכער האט זיך געצויגען אין דער לייגג פון וואלד. אונזער רבי האט אויסגעזעהן בעזארגט: מען האט אין ערגייץ ניט געזעהן אנדערע מלמדים מיט זייערע חדרים. „ז י י" מוזען שוין זיין דארטען" האט ער געזאגט און האט אנגעהויבען אויסקוקען דורך וואנען אריין צו־קומען אין וואלד. עס האט אויסגעזעהן אז ער רעכענט אריינגעהן אין וואלד אריין גלייך פון דעם ארט, וואו מיר זענען געזעסען, אריבערגעהענדיג דעם ניט טיעפען גראבען; — ווי פלוצלינג האבען מיר דערזעהן לויפען צו אונז א הונד און נאך איהם א שקץ פון א יאהר פערצעהן. מיר האבען זיך אלע דערשראקען, מיר זענען אויפגעשפרונגען פון אונזערע ערטער און זיך אנגעהויבען שטופען צו אונזער רבי׳ן, וועלכער האט געהאפט אין האנד א שטעקיל אין געקוקט אומרוהיג אויף דעם הונד און שקציל, וועלכע זענען שוין געווען נאהנט. דער הונד האט געבילט און געשווינד געלאפען. — אוואנא, אוואנא — האט אנגעהויבען אונזער רבי שרייען כמעט מיט פערצווייפלונג אין דער שטימע און האט גדרעהט מיט דעם שטעקיל פאר דעם הונד׳ס אויגען: דער הונד האט נאך מעהר געבילט און זיך געווארפען אויף אונז. איינער פון מיינע הברים האט אנגעהויבען וויינען. דער רבי האט אומרוהיג זיך אומגעקוקט צו אונז און האט אנגעהויבען ריידען צו דעם שקציל, וועלכער איז פאמעליך און שמייכעלדיג צוגעגאנגען צו אונז: „דו יונגיל... לאז ער ניט בילען... איך וועל געבען אלעס, קיכליך, אייער... אי יונגיל, לאז ער ניט בילען, איך וועל געבען אלעס". דער רבי האט גערעדט „גויעש" געמישט מיט האלב „יודיש" און האט דערביי געמאכט משונה׳דיגע תנועות און אין זיין שטימע האט זיך געהערט א הארציג געבעט. דאס שקציל איז צו אונז צוגעגאנגען מיט נייגיעריקייט, דער הונד האט ווי פריהער שטארק געבילט און זיך געווארפען אויף דעם בלאסען רבי׳ן, צוויי פון מיינע חברים האבען מיט ציטערדיגע הענד צובונדען זייערע פאטשטייליכליך מיט דעם „ל"ג

בעומר", און אַלעס וואָס אין די פֿאַטשטייליכליך איז געוועזן איז איבערגעגאַנגען אין די הענד צום קליינעם פויער, וועלכער איז געוועזן, ווי עס האָט אויסגעזעהן, שטאַרק פֿערוואונדערט און האָט אַפּילו אויפֿגעהערט שמייכלען. ער האָט באַלד אָבגערופֿען דעם הונד, וועלכער איז גיך אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך גענומען בייסען דאָס קיכיל, וואָס איינער פֿון מיינע חברים האָט איהם אַ וואָרף געטהון. דאָס איז אונז אַלע שטאַרק געפֿעלען געוואָרען, און מיר האָבען מיט מורא געוואָרפֿען דעם הונד יעדערער אַ שטיקיל קיכיל, אַפּילו קאָנפֿעקטען. מיר האָט געדאַכט, אַז דאָס שֶׁקציל איז מְקַנֵא דעם הונד, חאָטש ביי איהם זענען אויך געווען די הענד פול. מיר זענען אַלע געקומען צו זיך און האָבען מיט קליינער מורא און דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף דעם ברייטפּלייצעדיגען בורוועסען פויעריל, און אין אַ ווינטערדיגען, אָנגערוקטען אויף דעם נאַקען און אויערען, היטיל, וועלכער האָט זיך געלאָזט ריידען, ווען דער רבי האָט ביי איהם אָנגעהויבען פֿרעגען, צי האָט ער ניט געזעהן קיין "זשידקעס מיט יונגליך, גאָר קליינינקע יונגליך", און האָט דערויף גלייכגילטיג און קורץ געענטפֿערט, אַז ער האָט ניט געזעהן.

— נו, און אין וואַלד מעג מען?... נור אַזוי, אַביסינקעלע... מיר וועלען, זאָל איך אַזוי לעבען, זיטצען אַזוי שטיל, אַז... זאָל איך אַזוי לעבען אַז נור אַביסינקעלע; ביי אונז איז היינט ל"ג בעומר, אַ יום־טוב, און איך וועל אַלעס געבען, אייער, קיכליך, אַלעס... מע מעג, יונגיל?" — האָט אונזער רבי געבעטען ביי דעם שקציל, וועלכער האָט געקוקט אויף איהם מיט דער נייגיעריקייט וואָס פֿריהער.

דאָס שקציל האָט איהם קורץ געענטפֿערט: "איך ווייס ניט" און האָט, עס קען זיין ער האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַרוואָס, אַ שמייכעל געטהון.

נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען פֿון דעם וואַלד דער פֿערשטער, אַ הויכער און שוין ניט קיין יונגער שלאַכטיץ אין הויכע שטיוועל און אין אַ קורצער פּאָדדיאָווקע; ווי ער איז צוגעגאַנגען צו אונז נעהנטער, האָט ער גענומען שרייען:

— וואָס איז אייך היינט אַזוינס וואָס איהר קריכט אַלע אין וואַלד אַריין, זשידעס? אפשר האָט איהר דאָ אַ אוֹצָר געפונען? צוויי מיט זייערע "זשידעניאַטעס" האָב איך שוין היינט פֿערטריבען, האָסטו דיר דעם דריטען... הוי, וואָס דאַרפֿט איהר דאָ האַרען? איך וועל אייך...

אונזער רבי איז געוועזן ניט טויט ניט לעבעדיג.

—אַי ווּעה, פּריץ, פּריץ — האָט ער געשטאַמעלט — מיר, זאָל איך אַזוי לעבען, אַז גאָר ניט... ביי אונז איז היינט ל"ג בעומר... מיר האָבען געוואָלט אַ ביסעלע שפּאַצירען אין וואַלד, מיר וואָלטען אַזוי שטיל געזעסען, אַזוי שטיל... אויב אייך טויג ניט, וועלען מיר די מינוט אַוועקגעהן פֿון דאַנען, אויב אייך טויג ניט... נאָר אויף וואָס־זשע דאַרף דער פּריץ אַזוי שרייען... מיר... מיר...

— וואָס פֿאַר אַ רוּחַ האָט אייך היינט געמאַכט אַ יום־טוב? לאַזען וועל איך אייך אין וואַלד אַריין, איהר זאָלט מיר די בוימער ברעכען, רוחות איהר זענט אַזוינע!.. וואָס דאַרפֿט איהר היינט געהן אין וואַלד אַריין? — האָט דער פֿערשטער געזאָגט שוין שטילער אַביסיל: ער איז גאָר ניט געוועזן אַזאַ שלעכטער, ווי ער האָט זיך געמאַכט.

— אַי פּריץ, פּריץ, מיר דאַרפֿען; ביי אונז איז היינט אַ יום־טוב אַזאַ, דאָס מיר דאַרפֿען געהן אין וואַלד אַריין ניט ברעכען חַס וְחָלִילָה די בוימער, נאָר אַזוי, שפּאַצירען אַביסעלע... אויף וואָס גאָר ברעכען, מיר זענען דען משוגע? מיר וועלען זיין אַזוי שטיל — האָט אונזער רבי זיך צורעדט און האָט שטאַרק געוואָרפֿען מיט די הענד און דעם גאַנצען קערפּער און האָט דערביי שמערצהאַפֿטיג, דעמוטהיג געשמייכעלט - און וואָס שאַדט דעם פּריץ?... מיר זענען עהרליכע יודען, איך בין אַ רבי, אַ מְלַמֵד, דאָס הייסט אַ לעהרער, און דאָס זענען מיינע תַּלְמִידִים, מיר וועלען זיין אַזוי שטיל... וואָס שאַדט דען דעם פּריץ, ער זאָל לעבען...

דער פֿערשטער האָט אונז אין וואַלד טאַקע ניט אַריינגעלאָזט, ער האָט אונז אָבער אויך ניט אַוועקגעטריבען און האָט ערלויבט אונז פֿערברייגען ביים וואַלד, נאָר שטיל און זיך ניט דערוועגען קריכען אין וואַלד אַריין. נאָכדעם איז ער אַוועקגעגאַנגען. דאָס שקציל איז נאָך אַליין געבליבען און האָט געזעהן ווי מיר האָבען זיך אַלע אויסגעזעצט אויף די פֿריהערדיגע ערטער, נעבען דעם גראָבען; אונזער רבי האָט זיך שוין אויך אַ מאָל אַנידערגעזעצט; מיר האָבען צובונדען אונזער "ל"ג בעומר", וועלכע זענען אונז נאָך געבליבען, און האָבען איהם ברודערליך צווישען זיך צוטהיילט. דער רבי האָט זיך גענומען דעם גרעסטען חֵלֶק פֿון די קיכליך און אייער, וועלכע ער האָט פֿון דעסטוועגען ניט אויפֿגעגעסען. מיר האָבען געוואוסט אַז ער בעהאַלט זיי פֿאַר זיינע קינדער און מיר זענען דערפֿאַר אויף איהם ניט געוועזן בְּרוֹגֶז; דאָס שקציל, נאָכדעם אַז מיר האָבען שוין געהאַט אַלעס אויפֿגעגעסען און אויסגעטרונקען — דער רבי האָט איהם אויך אָבגעטהיילט אַ חלק גלייך מיט אונז — האָט אויף אונז דאָס לעצטע מאָל אַקוק געטהון און, מיטרופֿענדיג מיט זיך דעם הונד, האָט ער גענומען אַוועקגעהן פֿון אונז, אייניגע מאָל אומקוקענדיג זיך. דער הונד, וועלכער האָט זיך נור וואָס באַלעקט, האָט פלוצלינג אויסגעשטערעט די צייהן, אַ ביל געטהון אויף אונז און איז אַוועקגעגאַנגען נאָך זיין הערר. און מיר, נאָכדעם אַז דער הונד און שקץ האָבען אונז שוין מעהר ניט געשטערט, האָבען ווייטער דערשפּירט דאָס בעדערפֿניש זיך צו בעוועגען, נאָר אונזער רבי האָט אונז ווייטער אָבגעשטעלט. ער אַליין האָט זיך אויסגעצויגען אויף דעם גראָז מיט דעם פּנים אַרויף, און מיר האָבען אויך בעדאַרפֿט דאָסזעלבע טהון און ליגען שטיל, וואָרום דער רבי האָט שטיל געשוויגען. נאָר מיר, נאָך אַלע שרעק, וועלכע מיר האָבען נור וואָס איבערגעלעבט, האָבען איצט, בערוהיגטע, געפֿיהלט אַ שטילע פֿרייד אין האַרצען, און מיר האָבען שווייגענד געקוקט אין טיעפֿען, ריינעם־ריינעם הימעל, וועלכענס שענקייט מיר האָבען ערשט היינט צום ערשטען מאָל דערפֿיהלט און בעמערקט, אויך אין וואַלד וועלכער האָט זיך געצויגען פֿאַר אונז אָהן אַ עק און אָהן אַ סוֹף, און וועלכענס געדיכטע בוימער זענען פֿערחלומט און רוהיג געשטאַנען. דער וואַלד פֿון וואַנעט עס האָבען זיך אַלץ געהערט וואונדערבאַרע קולות, האָט שטאַרק צו זיך געצויגען, נאָר מיר האָבען זיך ניט דערוועגט נאָכגעבען דעם שטאַרקען און אומרוהיגען פֿערלאַנג פֿון אונזערע יונגע הערצער... אונזער רבי האָט זיך די גאַנצע צייט ניט גערירט און מיר האָבען שוין געמיינט אַז ער האָט געהאַפּט אַ דרימעל, ווי פלוצים האָט ער אַ זיפֿץ געטהון און געזאָגט צו זיך מיט פֿערדרוס: "אַזוינע... אַ טריט גיב ניט... אַ האַלבען ל"ג בעומר אַוועקגעגעבען אַ הונד און אַ שקץ... אָט וואָס ס'הייסט זיין אין גָלוּת. עס ווייזט אויס, אונזער רבי'ן האָט פֿערדראָסען וואָס ער האָט זיך בעוויזען פֿאַר אַזאַ פַּחְדָן, פֿאַר אונז, זיינע תלמידים, איבער וועלכע ער האָט דעספּאָטיש געהערשט און וועלכע האָבען פֿאַר איהם מורא געהאַט, ווי פֿאַר פֿייער. נאָר מיר, מיט אייגענטליכער אונזערע יאָהרען לייכטזין, האָבען שוין פֿערגעסען אי די פּאַסטוכער, אי דעם הונד, אי דעם פֿערשטער, מיר האָבען אַלעמען מוחל געוועזן די שרעק וואָס זיי האָבען אונז אָנגעטהון און מיר זענען געוועזן שטאַרק צופֿרידען אָברוהען זיך מיט'ן גוּף און נְשָׁמָה אויף דעם שמעקענדיגען גראָז, אונטער דעם קלאָרען הימעל און ניט ווייט פֿון דעם גרינעם וואַלד...

נאָר אונזער רוהיגע פֿרייד איז ווידער פֿון אונז געוועזן אַוועקגערויבט אין אַ שעה אַרום, ווען מיר האָבען זיך געלאָזט געהן אַהיים. די פּאַסטוכער, נעבען וועלכע מיר זענען דאָס ערשטע מאָל פֿאַרבייגעגאַנגען בשלום, האָבען אונז איצט בעגעגענט אויפ'ן וועג. דאָס זענען געוועזן פֿינף יונגליך, פֿון זעכצעהן ביז צוועלף יאָהר. זיי האָבען אונז אָבגעשטעלט און האָבען פֿערלאַנגט פֿון דעם רבי'ן רויכערען. דער רבי האָט אונטערטהעניג ערפּילט זייער פֿערלאַנג, אַזוי דאָס ער איז אַליין געבליבען אָהן טאַבאַק, פּאַפּיר און שוועבעליך. נאָכדעם האָבען זיי אונז ווי אָבגעלאָזט מיט שלום; נאָר מיר זענען נאָך ניט אָבגעגאַנגען קיין צוויי הונדערט טריט, ווי דריי יונגסטע פּאַסטוכער האָבען זיך אָבגעטהיילט פֿון זייערע חברים און האָבען זיך געלאָזט, מיט לאַנגע בייטשען אין די הענד, לויפֿען נאָך אונז שרייענדיג: שטעהט נור, זשידקעס, שטעהט! דאָ האָט אונזער רבי פלוצלינג אָנגעהויבען לויפֿען ווי ער האָט נור געהאַט כח און נאָך איהם מיר אַלע, וועלכע זענען געוועזן אויסער זיך פֿאַר שרעק און האָבען געשריגען גלייך ווי מען וואָלט

אונז קוילען. איינער פֿון מיינע חברים, דער יונגסטער צווישען אונז, ביי וועלכען עס האָבען זיך פֿאַר שרעק אונטערגעהאַקט די פֿיס, איז אָבגעשטאַנען פֿון אונז אַלע, און ווען ער האָט דערזעהן אַז אָט אָט וועלען איהם די פּאַסטוכער דעריאָגען, איז ער אַנידערגעפֿאַלען אויף דער ערד און האָט אָנגעהויבען שרייען: מאַמע, מאַמע! מיט אַזאַ וויינענ־דיגער שטימע דאָס איך, וועלכער בין שוין געווען ווייט פֿון איהם, האָב פּלוצלינג אויפֿגעהערט לויפֿען; איך האָב אַ קוק געגעבען אויף דעם וויינענדיגען חבר און האָב זיך געלאָזט שנעל לויפֿען צו איהם. באַלד זענען צו אונז צוגעלאָפֿען די שקצים. מיר האָט געטרייסעלט ווי אַ אָנגעהאַפּטע פֿויגעלע, און דער חבר האָט אַלײן ניט אויפֿגעהערט שרייען: מאַמע, מאַמע! איין פּאַסטוך האָט זיך געווענדט צו מיר:

—גיב מיר קנעפּ, אויב ניט וועל איך דיך שלאָגען.

—כ'האָב ניט — האָב איך קוים געקאָנט ענטפֿערען.

וואָס הייסט, דו האָסט ניט, און דאָס וואָס איז? — האָט ער געזאָגט ווייזענדיג אויף די קנעפּ פֿון מיין קאַפּאָטקעלע — גיב קנעפּ, אַז ניט וועל איך דיך שלאָגען.

איך האָב געלאָזט די פּאַסטוכער אָבריסען פֿון מיין קאַפּאָט־קעלע אַלע קנעפּ, אַנשטאַט וועלכע זענען געבליבען לעכער. איך האָב ביי זיי אונטער די הענד געפּלאַטערט, נאָר איך האָב געשוויגען. דאָס־זעלבע האָבען זיי געטהון אויך דעם חבר, וועלכער האָט געוויינט ווי פֿריהער, נאָר זיך אַלײן ניט גערירט פֿון אָרט. דאָס אַלעס האָט גע־געדויערט ניט מעהר ווי צוויי מינוט.

—נו, און „אַ צעגאַרקאָ" האָסטו? — האָט זיך צו מיר נאָכדעם געווענדט אַ צווייטער פּאַסטוך:

—ניין — האָב איך ווייטער געענטפֿערט.

—וואָס הייסט ניין, עס קען ניט זיין — האָט געזאָגט דער שקץ און האָט גענומען זוכען אין אַלע מיינע קעשענעס, פֿון וועלכע ער האָט אַרויס געשלעפּט פֿריהער אַ טייטיל, דערנאָך אַ רימען, דערנאָך אַ בייטעלע מיט דריי גראָשען און צולעצט ערשט „אַבענטשעריל"; צוזאַמען מיט זיי זענען פֿון מיינע איבערגעקעהרטע קעשענעס אַרויס־געפֿאַלען ברעקליך קיכיל און שטיקליך אייער־שאָלעכטס. די ערשטע זאַכען האָט דער פּאַסטוך געשווינד אַריינגעלעגט צו זיך אין שויס און ווען ער האָט די לעצטע דערזעהן האָט ער אויסגערופֿען:

—איהר זעהט, ווי אַזוי די „זשידעניאַטעס" הולענען! וואָס איז ביי אייך היינט אַ יום־טוב?

—יאָ — האָב איך געענטפֿערט.

—דו ווייסט, זשידיאָנאָק, אַז אַ יוד האָט קיין נשמה ניט? — האָט מיך ערנסט אַ פֿרעג געגעבען דער דריטער פּאַסטוך, אַ שקציל פֿון אַ יאָהר צוועלף.

נאָר דאָ האָבען די פּאַסטוכער דערזעהן, אַז צו אונז לויפֿט אַ יוד און שרעקט מיט איין שטעקען; דעמאָלס האָבען זיי אונז אַ שמיס געגעבען מיט זייערע בייטשען און זענען געשווינד אַנטלאָפֿען צו זייערע חברים. דאָס איז געווען אַ ישוב'ניק, וועלכער האָט בעגעגענט אויפ'ן וועג שטאַרק לויפֿענדיג מיין רבי'ן מיט זיין חדר, און ווען ער האָט דערזעהן מיך מיט מיין חבר אין די שקצים'ס הענד איז ער אונז געלאָפֿען העלפֿען. מיר האָבען זיך צולאָזט דעריאָגען אונזער רבי'ן און חברים, וועלכע מיר האָבען געפֿונען שוין אַביסיל בערוהיגטע נאָר שטאַרק סאַפּענדיגע. אונזערע חברים האָבען — איך האָב ניט געוואוסט פֿאַר וואָס — אונז, מיך און מיין חבר, ביי וועלכען די טרעהרען האָבען נאָך ניט אויסגעטרוקענט אויף דעם בלאַסען פּנים, בעטראַכט כמעט ווי העלדען.

ווען איך בין געקומען אַהיים האָט מיין מוטער, וועלכע האָט בעמערקט מיין דערשראָקענעם פּנים און אויף מיין קאַפּאָטקעלע לעכער אַנשטאַט קנעפּ, מיך געפֿרעגט וועגען איינעם און דעם צוויי־טען. פֿון אָנהויב האָב איך געשוויגען, וואָרום מיין רבי האָט מיר אָנ־געזאָגט אַז איך זאָל ביי זיך אין דערהיים ניט דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. נאָר פּלוצלינג האָבען אַ שפּריץ געטהון טרעהרען פֿון מיינע אויגען. איך האָב זיי ניט געקאָנט איינהאַלטען. מיין מוטער איז פֿערוואונדערט און ערשראָקען געוואָרען. זי האָט מיך געפֿרעגט וואָס דאָס בעטייט, און איך האָב צולעצט אויסגערעדט חליפּענדיג: — פֿאַרוואָס מעגען זיי יאָ, און איך טאָר ניט?... האָב איך זיי דען ווען שלעכטס געטהון, פֿאַרוואָס זשע האָבען זיי מיך געהאַט אַזוי צו בעליידיגען?... פֿאַרוואָס מעגען זיי יאָ, און מיר טאָרען ניט?... אַזוינע „שקצים", און זיי זאָגען נאָך אויף אונז, אַז מיר... האָבען קיין נשמה ניט... פֿאַרוואָס זשע דערלאָזט גאָט דערצו? מיר לערנען דאָך זיין תורה און טהוען זיינע מִצְוֹת, פֿאַר וואָס זשע?... פֿאַרוואָס מעגען זיי אין מיר טאָרען ניט, פֿאַרוואָס האָבען מיר פֿאַר זיי מורא און זיי לאַכען נאָך פֿון אונז?... איך האָב ווייטער ניט געקאָנט רעדען, די טרעהרען האָבען מיר געוואָרגען דעם האַלז און פֿאַרגאָסען דאָס גאַנצע פּנים.

מיין מוטער האָט מיר ניט געענטפֿערט אפילו אויף איינע פֿון מיינע פֿראַגען; זי, ווען איך האָב צולעצט דערצעהלט אַלעס וואָס מיט אונז איז געשעהן, האָט אויסגעזידעלט די „שקצים" אונטער די אויגען און צו זיי אויסגעבטלט אַלע חלומות און מיך האָט זי בעזאָרגט געפֿרעגט, צי האָט מען מיך ניט צו שטאַרק געשלאָגען און צי טהוט מיר ניט עפּיס וועה; דער נאָך האָט זי מיר געזאָגט, פֿאַרוואָס בין איך ניט אַנטלאָפֿען גלייך מיט אַלע און וואָלט געווען פֿערשפּאָרט האַפּען קלעפּ פֿון די שקצים און בעקומען לעכער אין קאַפּאָטקעלע.

די מאַמעס ווערטער האָבען מיר ניט בערוהיגט און מיר ניט פֿערענטפֿערט מיינע קשיות, אויף וועלכע איך האָב לאַנג, לאַנג גע־טראַכט. און פֿון דאַמאַלס אָן האָב איך אָנגעהויבען מקנא צו זיין די שקצים, וואָס זיי האָבען זייערע פֿעלדער און וועלדער, וואָס זיי זענען געזונטע און שטאַרקע, וואָס זיי לעבען אַזוי פֿריי און פֿרעהליך. ווען מיר וואָלטען דאָס אַלעס האָבען — האָב איך ניט איינמאָל נאָכדעם געטראַכט — וואָלטען מיר קיינעם ניט געטהון קיין שלעכטס. פֿערקעהרט, מיר וואָלטען געזעהן דאָס אַלעמען זאָל גוט זיין...

א. מיידאַניק.

---

# דיא פֿאַמיליען־פּאַפּירען.

## זכרונות פֿון דוד המלך'ס פֿאַמיליע.

### פֿון א. ש. פֿרידבערג.

(פֿאָרטזעטצונג)

אויף מאָרגען איז די פּערזישע אַרמעע אַרויס אין וועג. אונז האָט מען אַרויסגעפֿיהרט פֿון געפֿענגניס איינער צום אַנדערן מיט קייטען גע־שמידעט, צוזאַמען מיט די קינדער אַריינגעזעצט אין אַ אייזערנע שטייג, אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ וואָגען און הינטער דער אַרמעע נאָכגעפֿיהרט.

ווי פֿינסטער עס איז מיר געווען אין די אויגען ביי אונזער יעצטיגער שרעקליכער לאַגע, דאָך האָט מיך אינטערעסירט צו וויסען די מאַכט פֿון פּערזישען קעניג אים פֿערגלייך צום גריכישען קעניג, מיט וועלכען ער דאַרף זיך באַלד בעגעגענען אין אַ מִלְחָמָה אויף לעבען און טויט — אַ מלחמה, פֿון וועלכער עס הענגט אָב אונזער לעבען אויך.

ווי עס האָט אָנגעהויבען טאָג צו ווערען, האָט זיך דערהערט אַ טראָמפּעטע ביים קעניגס געצעלט, אַלס סיגנאַל צום מאַרש. איבער'ן גע־צעלט פֿון קעניג האָט אויפֿגעגלאַנצט אַ גאָלדענע זון איינגעפֿאַסט אין אַ קריסטאַלענע ראַהם, וואָס האָט די בלישצענדע שטראַהלען ווייט פֿער־ברייטעט. פֿריהער זענען אַרויס די מ אַ ג י ע ר (זייערע גַלָחִים) טראָגענ־דיג אַ זילבערנעם מִזְבֵּחַ, אויף וועלכען עס האָט געברעט דאָס אייביגע פֿייער, וואָס צו איהם דינען זיי אַלס אָבגאָט. הינטער דעם מזבח נעהט אַ מַחֲנֶה פֿון דרייהונדערט פֿינף און זעכציג יונגע לייט, אַלט אין רויטע פּורפּורנע מאַנטעלן געקליידעט. נאָך זיי דער וואָגען פֿון דעם אָבגאָט, בעשפּאַנט מיט פֿערד, וואָס זענען ווייס ווי שנעע. דערנאָך אַ אונגעהויער גרויסעם פֿערד, לְכָבוֹד דער זון, וואָס איז ביי די פּערזער די גרעסטע גאָטהייט, די קוטשערס און פֿיהרערס פֿון די פֿערד זענען ווייס געקליידט און האַלטען אין די הענד בייטשען פֿון לויטער גאָלד. דאַן קומען צוועלף וועגען בעפֿאַקט מיט גאָלד און זילבער, הינטער זיי אַ קאָרפּוס רייטער

פון צוועלף־ערליי אומות, יעדע אומה בעצייכענט מיט בעזונדערע קליידער און געוועהר. דאַן קומט דאָס חַיִל פון די צעהנטויזענד אונ־שטערבליכע מענער (זיי הייסען אונשטערבליך, ווייל מען האָט תמיד געזעהען, זייער צאָהל זאָל זיין פול, און ווען עס איז געוואָרען וועניגער, האָט מען זי גלייך אויסגעפילט מיט די בעסטע און שטאַרקסטע פון אַנדערע חֲיָלוֹת), אַלע מיט גאָלדענע קעטען אויף די העלזער און זייערע קליידער דורכגעוועבט מיט גאָלד און זילבער. עטוואָס ווייטער פון זיי קומען די עדעללייט אין דער צאָהל פון פופצעהנטויזענד מאַן, זיי ווערען אָנגערופען: „דעם קעניגס קְרוֹבִים". דאַן קומט די קעניגליכע לייב־גוואַרדע, וועלכע טראָגט גאָלדענע שפּיזען מיט עלפענביינערנע שטיעלען. נון קומט אָן דער קעניג אַליין, זיטצענדיג אויף אַ הויכען וואָגען וואָס איז גאַנ׳ץ בעדעקט מיט טהייערע פערשיעדענפאַרביגע עדעלגעשטיין, וואָס שטעלען פאָר די בילדער פון אַללערליי געטער, און איבער זיי אַ גאָלדענער אָדלער מיט זעהר ברייטע פליעגלען. דער קעניג טראָגט אַ קורצע פורפורנע פעלערינקע, און אַ ווייסען מאַנטעל פון ביסוס (אַ זייער טהייערע וואָלענגאַטונג) בעזעצט מיט גאָלד און דימענטען. פון ביידע זייטען פון וואַגען צווייהונדערט קעניגליכע לייב־וועכטער. הינטער׳ן וואָגען צעהנטויזענד מאַן רייטער מיט שווערע געוועהר. דאַן אַ קאָרפוס פון דרייסיגטויזענד מאַן פוס־פאָלק. נאָך זיי די פיערהונדערט קעניגליכע פערד. ווייט הינטער זיי צוויי קאַרעטעס, אין איינער זיצט דעם קעניגס מוטער, און אין דער אַנדערער די קעניגין. אַרום זיי רייטען פיעל דאַמען; נאָך זיי פופצעהן וועגען, אין וועלכע עס זיצען די קעניגליכע קינדער מיט זייערע לעהרער און ערציעהער. דאַן דרייהונדערט זעכציג וואַגען פיר דעם קעניגס קעפס־ווייבער, וועלכע זענען קעניגליך געפוצט און יעדערע איבערגלענצט די אַנדערע מיט איהר פראַכט און שענקייט, ווייטער דרייהונדערט מוילאייזלען און זעקסהונדערט קאַמעלען, וואָס פיהרען די קעניגליכע קריעגס־קאַסע, געפעק און פיעל נייטהיגע און אויך אוננייטהיגע זאַכען, הינטער זיי אַ היל לייכטע רייטער צו בעוואַכונג, און ענדליך פערשיעדענע קאַרעטעס פיר די פרויען פון די עדעללייט וואָס ווערען גערעכנעט אַלס „דעם קעניגס קרובים". אונזער וואָגען איז געשטעלט הינטער די געפעק, און דערום קענען מיר זעהען דעם גאַנצען צוג, און די גרויסע פראַכט האָט אונז די אויגען אַזוי פערבלענדט, דאָס מיר האָבען גאָר פאַרגעסען אָן אונזער ישרעקליכע לאַגע.

מיר זענען אָנגעקומען אין קליין־אַזיען צום טייך ג ר אַ נ י ק ו ס. דאָרט האָט זיך די פערזישע אַרמעע בעגעגענט מיט דער גריעכישער. ביי יענע איז ניט געווען צו זעהען קיין גאָלד, קיין זילבער, קיין עלפענביין, נור — א י י ז ע ן. דאָס גאַנצע היל איז געווען ווי אַ געדיכטער וואַלד פון שפּיערען און פּיקעס, איבער זיי האָט קאָמאַנדירט דער בעריהמטער העלד אַ ל כ ס נ ד ר מ ו ק ד ו ן. אויף זיין בעפעהל האָט זיך דאָס היל צו פלאָכטען, זיך בעוועגט ווי אַ מאַשינע. די גאַנצע מלחמה האָט ניט מעהר געדויערט ווי אַ פּאָר שָׁעָה, די פערזער האָבען אַ גרויסע מַפָּלָה געהאַט, און צו פלויגען געוואָרען, דאָס איינער האָט פון אַנדערן ניט געוואוסט. דריוש האָט דערזעהען, דאָס עס איז שלעכט מיט איהם, איז ער אַראָבגעשפּרונגען פון זיין וואָגען, זיך אַרויף געזעצט אויף אַ פערד און אַנטלאָפען וואו זיינע אויגען האָבען איהם געטראָגען. ער איז אָבער ניט ווייט אָב געלויפען, איין פייל פון אַ גריעכישען סאָלדאַט האָט איהם געטראָפען און צום טויט פערוואונדעט. די קריעגס־קאַסע מיט׳ן גאַנצען האַק און פאַק איז אַריינגעפאַלען צום זיגער אין די הענד.

אין דעם זעלביגען טאָג צו אָבענד־צייט איז אַלכסנדר אַרומגעגאַנגען אין פערזישען לאַגער, און בעזעהען דעם אונגעהייער גרויסען רייכטהום וואָס איז אין זיינע הענד אַריינגעפאַלען. אונטער אַלע אַנדערע זאַכען האָט ער דערזעהען אונזער אייזערנעם שטייג, ער געהט צו אונז צו און קוקט אונז אַרום מיט פערוואונדערונג. איך האָב זיך פאַר איהם טיעף געבוקט, דאַן זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדט צו איהם מיט דער פאָלגענדע רעדע.

— גרעסטער קעניג פון דער וועלט! דער גרויסער גאָט וואָס הערשט איבער הימעל און ערד האָט דיר היינט געשענקט דעם גרויסען זיעג איבער דיין פיינד. צו דעם שענעם טאָג איז כְּדַאי דו זאָלסט דעם אָבענד בעענדיגען מיט אַ שענעם ווערק, דאָס וועט פערגרעסערן דיין כָּבוֹד פאַר דער גאַנצער וועלט. איך האָב מיט מיין פרוי און קינדער גערייזט איבער בָּבֶל. דאָרט האָט דריוש מיינע פרוי דערזעהן און געהייסען זי מיט געוואַלט פון מיר און די קינדער צונעהמען און אין זיי־האַרעם ברייננגען, איך האָב פּרובי׳רט זי פון זיינע הענד צו רעטען, עס האָט זיך מיר אָבער ניט איינגעגעבען. דאָ האָט דריוש בעפאָהלען, מיך מיט מיין פאַמיליע אין דעם אייזערנען שטייג צו זעטצען און צו האַלטען אין זיין לאַגער, ביז ער וועט דיך בעזיעגען און דאַן זאָלען מיר אַ שרעקליכען טויט ערליידען. יעצט האָט ניט ער געזיעגט, נאָר ד ו. זיי אַלזאָ גנעדיג געגען אונשולדיגע מענשען, שענק אונז די פרייהייט און ערלויב אונז צו רייזען נאָך אונזער היים! דערפאַר וועט גאָט דיר העלפען, דו זאָלסט אויך גליקליך אַהיים קומען, נאָך דעם ווי דו וועסט אַלע דיינע פיינד אונטערטהעניג מאַכען. זאָל די וועלט אויף דיר זאָגען: אַלכסנדר איז שרעקליך געגען זיינע פיינד, אָבער גוט און עדעל געגען אונשולדיגע!

ביי דער רעדע האָבען זיך טייכען טרעהרען געגאָסען פון מיינע אויגען, מיין רבקה האָט אויך שרעקליך געוויינט, אויף אונז קוקענדיג האָבען זיך אויך די קינדער צעוויינט. אַלכסנדר איז שטאַרק געריהרט געוואָרען און געזאָגט:

„וואו איז דיין היים?

— אים יודישען לאַנד. מיר זענען יודען.

דאָס הערענדיג מאַכט אַלכסנדר אַ שטאָלצע מיענע.

„מיט דער אוּמָה האָב איך זיך נאָך אָבצורעכענען. זי האָט זיך געגען מיר שטאַרק פערזינדיגט, קומענדיג אין קליין־אַזיען האָבען אַלע קליינע פעלקער געשיקט צו מיר זייערע דעפּוטאַציעס און זיך אונטערגעגעבען. נור די יודען האָבען מיך ניט געוואָלט קענען".

— אַלערגנעדיגסטער הערשער! — ענטפער איך — ערלויב מיר אַ ערקלערונג דעריבער צו געבען. ווען זיי האָבען דאָס געטהון איז ניט געווען זייער כַּוָנָה דיך צו בעליידיגען, נאָר דאָס געפיהל פון דאַנקבאַרקייט צום עלטער־עלטער־פאָטער פון דריוש׳ן, צום בעריהמטען פערזישען קעניג כּרש, וועלכער איז געווען אין זיין צייט אַזוי בעריהמט ווי דו יעצט. ער איז צו די יודען זעהר גנעדיג געוועזען, ער האָט זיי בעפרייט פון גָלוּת בָּבֶל און ערלויבט נאָך זייער לאַנד צוריקצוגעהן, און אונטערשטיצט פון זיין קאַסע אונזער בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ אויפצובויען. נון האָבען זיי גערעכנט פאַר אַ זינד, אונדאַנקבאַר צו זיין, און זיך גלייך פעראייניגען מיט דעם פיינד וואָס געהט צעשטערען די פערזישע מְלוּכָה, האָטש אַפִילוּ די לעצטע פערזישע מְלָכִים האָבען די יודען ניט גוט בעהאַנדעלט. מיר יודען האָבען שוין אַזאַ כאַראַקטער: דאָס גוטס וואָס מען טהוט אונז צייכנען מיר אין מאַרמאָר, אום עס אויף אייביג ניט צו פערגעסען. אָבער דאָס שלעכטע וואָס מיר ערליידען שרייבען מיר אין זאַמד, וואָס ווערט באַלד פערווישט און פערשוואונדען. יעצט געהערט די פערזישע מלוכה צו דיר — נאַטירליך וועט דאָס יודישע פאָלק דיר אונטערטהעניג זיין. פּראָביר יעצט אונז גוט צו בעהאַנדלען וועלען מיר אפילו דיינע אוּר־אוּר־איינקליך די טרייעסטע אונטערטהאַנען בלייבען.

(ענדע קומט)

## ליטעראַרישע נייעס.

לכבוד דעם יובילעאום פון אונזער בעקאַנטען און געשעצטען ליטעראַטען ל. פ ר י ץ וואָס וועט זיין דעם קומענדיגען ווינטער, האָבען אייניגע פון זיינע נאָהענטע פריינד און פערעהרער פון זיין טאַלענט אונטערנומען אַרויסצוגעבען אַ זאַמלונג פון אַלע זיינע ווערקע. דער פערפאַסער האָט זיך אָבגעזאָגט פון יעדען האָנאָראַר, כְּדֵי נישט צו טייער צו מאַכען פאַרן פאָלק די זאַמלונג, וועלכע וועט פערנעהמען פון 40—50 דרוק־בויגען, און צוליעב דעם וועלען אַלע ווערק פון פרץ פערקויפט ווערען צו דעם ביליגען פרייז פון 1 רובל.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischera Krakau

MARKA FABRYCZNA

MARKA FABRYCZNA

Egzystująca od 1852 roku

## PAROWA FABRYKA MYDEŁ TOALETOWYCH,

perfum i kosmetyków

## Fryderyka Pulsa w Warszawie

Plac teatralny (ul. Wierzbowa) Nr. 11.

Wynalazcy znanego ze swej dobroci mydła glicerynowego

uprasza P. P. odbiorców,

aby skutkiem licznych podrabiań i naśladowań renomowanych wyrobów, przesyłali zamówienia wprost do firmy pod wyżej wskazanym adresem.

## דאמפף־פאבריק פון טואלעטען־זייפען

פערפומערי און קאסמעטיקען

עקז ירט פון 1852-טען יאהר

## פון פרידריך פולס אין ווארשא

טהעאטער־פלאץ (וויערזבאָווא־שטראסע) נו׳ 11

ערפינדער פון דעם בעריהמטען גוטען גליצערין־זייף

בעט די געערטע קויפער

ווענען די פיעלע פעלשונגען און נאכמאכען פון זיינע גוטע פאבריקאציאָנען, זיי זאלען זיך ווענדען מיט בעשטעלונגען דירעקט צו דער פירמע לויט אָבען אנגעגעבענע אדרעסע.

## PRACOWNIA

wyrobów Kamieniarsko-rzeźbiarskich

pod firmą *WOLF AUERBACH.*

*dawniej J. AUERBACH. i B. SZAJDER*

Warszawa, ul. Gęsi Nr. 65, dom własny.

פאבריק פון בויארבייטען אונד גראבמאנומענטען (מצבות)

אין אללען שטיין זאָרטען, בעסטער קוואליטעט צו דען ביליגסטען פרייזען.

וואלף אויערבאך ווארשא, גענשע שטר. 65

בעקוועמע און פאָרט־ילהאפטע בעדינגונגען אנפראגען באלד בעאנטוואָרט

## א. באלאשער, קאוונא

בוכהאנדלונג

ניקאָלאיעווסקי פראָספעקט.

A. BALASCHER, Kowno

*Buchhandlung*

Nikolajewski Pr.

פערקויף פון אלערליי ביכער אין פערשידענע שפראכען. אויסגא־בען פון „אחיאסף", „תושיה", עזרא", „פרץ", „ספעקטאר", „גאסעלניק", שטענדיג אויף לאגער.

אבאנעמענט אויף אלע צייטונגען און זשורנאלען. אגענטור פון „דער יוד", „השלח", „המליץ", „הצפירה", „השבוע", „התחיה" „די וועלט", „Die Welt", „Buduschtznost", „Woschod".

צוזאמענשטעלונג פון ציוניסטישע ביבליאטהעקען מיט ראבאט. אנטווארט אויף אנפראגען גראטיס.

## „יאסעלע"

א נייע ערצעהלונג פון י. דינעזאהן.

פרייז 50 קאָפּ. מיט פאָרטאָ 55 ק׳.

צו בעקומען אויף דער אדרעססע:

J. Dinesohn, Warschau, Nalewki 10.

הויפט פערקויף ביי געברידער לעווין עפשטיין ווארשוי גענשא נו׳ 5 אויך אין פערלאג „אחיאסף".

## גאלוואנישע אַנשטאַלט

יהושע טייטעלבוים ווארשא, דזיקא 18.

נימממט אָן צו פערגילטען, פערזילבערן, פערניקלען, אקסידירען אונד בראָנזירען פערשיעדענע מעטאל־ארבייט. אויך ווערדען אנגענאָממען אַלטע זילבערנע אונד פערזילבערטע כלים אויפצופרישען וויא נייא, צו מעסיגען פרייזען, גאראנטירט פידדויערהאפטיגקייט. בריעף־אדרעסע:

Sz. Teitelbaum, Warszawa, Dzika 18.

## פערלאג „עזרא" ברדיטשוב.

ס'איז ארויס פון דרוק

ד״ר הערצע ס און ד״ר נאָרדוי׳ס רעדען אויפ׳ן 3-טען באזעלער קאָנגרעס.

פרייז פיר בראָזשירע 8 קאָפּ.—ציוניסטישע חברות בעקומען ראבאַט.

Verlag „ESDRA" Berdyczow :אדרעסע

## פריילינען און דאַמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאָן, רוסיש אין דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די נרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה אַ מארקע. ניט זוימט און פרעגט אָן ביי

Госпожѣ Найдичь, Давидъ — Городокъ Минской губ.